STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05256

GEKLIBENE LIDER

A. Almi

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05256-6

D:\YIDDISH\Titles\9780657052560T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

געקליבענע לידער

פארלאג מ. גאָלדפארב — ווארשע — 1933

COPYRIGHT BY A ALMI, 1933

PRINTED IN POLAND

Druk. „P o l", Przejazd 11.

א. אַלמי (א.ח. שעפּס)

אין דערדאָזיקער זאַמלונג — געקליבענע לידער — גייען אַריין, אַ חוץ די לידער פון מיינע פריערדיקע זאַמלונגען „ביי די ראַנדן” און „פאַר די ליכט”, עטלעכע סעריעס לידער, צווישן זיי „אויף גאָטס שוועל” און „מענטשעלעך אונטער די טישן”, וואָס זענען נאָך קיינמאָל פריער נישט דערשינען אין בוכפאָרם.

א. א.

ניו-יאָרק

א. אלמי

געקליבענע לידער

אינהאלט

זייט

I. ליכט און שאָטן

בצבור	11
גאָלדהאַרבסט	13
אַ בריוו	14
דער לאַכנדיקער קאָפּ	17
פון אדמ'ען	20
געבענטשט זאָלן ווערן	22
עס בעט די וועלט	24
טשוואַנג-טסע זאָגט	25
צו דעם קלייגעם מיידל	27
VANITY OF VANITIS	30
אַנטפּלעקונג	32
באַלערינע	34
דו און איך	35
געוען — נישטאָ	36
דורות ציען	37
מענטש פון צוקונפט	38
טויט	39
שטורם	40
מאַגנאָליאַ	41

ז יי ט

די לעצט 44
ניי לעבן 45
צו נעמין 47
דריי געזאַנגען פון לי־טאַי־פאָ . 50
אויפן מיטן גאַס 54
דער צייכן 55
ליגנס 56
טויט 58
ווו איז דער ? 59
נאָקטיורן I 61
נאָקטיורן II 63
אַלץ, וואָס גייט אַוועק . . . 64
שאָפּענהויער 65
עדנאַ 66
יעדער קימט 67

ש אָ ט נ ס

I אייביקע שאָטנס . . 69
II צוויי שאָטנס . . . 71
III די שאָטן־פּראָצעסיע . . 73
אַלט־אינדישע געזאַנגען . . . 75
טאַרנאָכט 78
דו 80
קאַלאַ־האַנסאַ 81

דורך פרעמדע וועלטן

I עס קאָן דאָך זיין . . 82
II פרעמד . . . 84
III וואַנדילינאַ-וואַנדעליי . . 86
IV דאָס מענטשל קאַליטער . 88
האַרבסט אין קינסטלער-קאַפיי . . 90
אונטער אַלע פריידן . . . 92
אַ ברכה 93
נירוואַנאַ 94
בלינדע 95
דער טרויער פון וויאַנען . . 96
אין אונטערערדישער באַן . . 97
ווי מעוון 98
טאַאָ 99
דו ביסט דאָ 100
קרעאַטור 101
כ'וועל דערוואַכן . . . 104
אין האַרבסט 106
און אַז ס'איז נישט אמת . . 108
די קליינע מיכי 109
פייער 111
מיין וועלט 113
מיין חבר 114
מיט אייך 115

זייט

אין גראָז 117
אומגעריכט 118
חורבן 119
וועלטן 121
די ליגנער, די 122
קינדער 124
פנימער און אויגן . . . 126
פּילגרימען 128
שפּיטאָלן און תפיסות . . . 129
אין רויך 131
דאָס דאַמעלע אין טרויער . . 133
יוערטער 135
אויפגיין 137
עכאָס . . . 139
שפּיל . . . 141
אָן אויגן, אָן רייד . . . 143
רו 144
דער שפּרוך 146
איינינקער אַליין . . . 148
איך בין שטענדיק גרייט . . 150
אַ טויט אויפן קעניג . . . 152
זוכער, זוכער! 154
אין די בערג 156
כ'בין קיין שטילער נישט . . 159

די טריט איבער מיר 161
די שיפן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט קומען צו ווע׳מען? 163
אומזיכטבאַרע פריינט 168
מיטנאַכט 170
שלאָף 172
אַרעלאַ (אַכט גפּזאַנגען) . . . 173

II. דער טורעם פון בבל

די טרעפּ צום הימל . . . 189
די ברענענדיקע שטערן. . . 191
דער געמאַנצערטער שבת . . 193
גאָט און וואָלקנקראַצער . . 194
דאָס ליד פון די ציגללייגערס . 196
שטומערהייט פאַר גאָט . . 197
דער נביא אויפן דאַך . . . 198
דער וועכטער אין העכסטן טורעם . 199

III. אויף גאָטס שוועל

נישט אין די בלעטער . . . 203
לאָגלען 204
עדות 205
וויא-דעלאַראָזאַ 206
אַ קול ביינאַכט 207
יעקב און רחל 208

וױ איך . . . 209
הײליק 210
פֿון פֿינסטערניש . . . 211
זי 212
אין װינקל 213
בײם האָדסאָן 214
בײם זונפֿאַרגאַנג . . . 215
טאַטע 216
גאָט דער אײנזאַמער . . . 218
דער סנה 220
געצנדינער 221
לאָמיר דאַװנען : . . . 223
אַמאָל איז עס 224
לאָמיר זיך שױן איבערבעטן . . 225
פֿון אַן אומבאַקאַנטן כינעזישן דיכטער. 226
פֿון זענד־אַװעסטאַ . . . 227
פֿון נײעם טעסטאַמענט . . . 230
פֿון קאָראַן 232
דעם זינדערס תּפֿלה . . . 233

IV. מענטשעלעך אונטער די טישן

געצעלע־פּלעצעלע . . . 237
פֿײגעלעך אין שטאָט . . . 240
דעם ײנגלס שאָטן . . . 242
פֿרײלינג 246

זייט

ביינאַכט 248
ווו קומט אַהין? 250
מיינע געסט 251
יאַנקעלע 253
אַ מעשה מיט אַ בוים . . . 256
בעבעלע און באַבעלע . . . 262

V. אונטער פאַנעס

דראַמאַטישע פּאָעמע . . .

I

ליכט און שאָטן

בצבור

כאַפּט זיך אויף אַ קינד אינמיטן נאַכט
און זעט: ס'איז גאָרנישט דאָ – נישט טיש נישט באַנק,
נישט לאָמפּ, נישט מאַמע און נישט קליידער־שאַנק,
נישט ווענט, נישט שפּיגל, נישט געשטאָפּטער בער.
אויך טאַטע איז נישטאָ — דאָך כראָפּעט ווער
און ס'מישט זיך כראָפּ אויס מיטן שלאָג פון שעה
פון זייגער וואָס איז אויך נישטאָ –
באַפאַלט דעם קינד אַ שרעק צו זיין אַליין — —
און עס פאַרגייט זיך אין אַ יאָמערלעך געוויין.

הערט אַ הונט ווו, אַז עס וויינט אַ קינד,
דערלאַנגט ער ראַפּטאָם זיך אַ צי אַ שטרעק,
אַ דריי דעם עק און צו דער נאַכט אַ שמעק
און דורך די גאַסן אויסגעשטאָרבן שטיל,
אַ יאָג זיך און אַ טראָג זיך מיט געבּיל — — —
דערהערן הינט ביים פּלויט, ביי שוועלן, אין הויף
זיין קול — און לויפן זיך צונויף
באַנאַנד, מיט האַווקעריי: האַוו—האַוו! הו—הו! — —
ס'וויינט אַ קינד אין פינסטערנישן ערגעץ־ווו.

אוּן אַז ס'װײנט אַ קינד אינמיטן נאַכט,
דאָ כאַפּן זיך די גרויסע אויף מיט שרעק
און זוכן נעכטיקע און יונגע טעג — — —
דערזעען זיי: ס'איז גאָרנישט... גאָרנישט דאָ
נישט טאָג, נישט װעלט, נישט האָפענונג נישט שעה —
בלויז נאַכט און פינסטערניש — און טויט
װאָס װיקלט, װי אַ נאַכט־העמד, אום די הויט — — —
און פול מיט פחד הערן זיי זיך צו
װי ס'װײנט אַ קינד מיט הינט בצבור ערגעץ־װו...

גאָלד־האַרבסט

דער סקעפּטיקער אין מיר האָט אויפגעציטערט אין זיין פּיין.
דער ציניקער טרעט־אָפּ צוריק, מיט וואונדער און מיט שרעק,
ביים אויפשוואונג פון אַ נייער פרייד און האַרבסטיק־יונגע טעג —
אַ נייע, יונגע ליבשאַפט אין דעם גאָלד־האַרבסט פון מיין זיין.
דער סקעפּטיקער און ציניקער פאַרבייגן זיך גאַלאַנט
און קושן מיט די אויגן דיר דיין איידל־בלאַסע האַנט.

אַ פלוצלונגדיקער לאַווע־שטראָם האָט רוישיק מיך פאַרפלייצט.
אַ לאַווע־שטראָם פון גליענדיקן, שמעלצנדיקן גאָלד.
און כ׳ווייס אַצונד, אַז אַלץ און אַלץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל געוואָלט,
צו וואָס איך האָב געצויגן זיך און וואָס עס האָט גערייצט —
ביסטו, ביסטו, פרעמד־אייגענע, דערוואַקסענע און קינד!
און ווי אַ שמעטערלינג צום ליכט, צי איך צו דיר זיך בלינד.

די לאַסט פון צווייפלען איז אַראָפּ פון מיר, ווי דורך אַ נס.
אַ לייכטער, אַ דערלייזטער שטיי איך איצטער פאַר דער וועלט,
באַנייט, באַפרייט, פון רעגנבויגנס הונדערטער באַהעלט
און זע ווי פון דעם וועלט־בילד לייכט און וואַקסט אַרויס גראַציעז
די לעצטע פון מיין לעבנס־טאָג — מיט אויגן אייביק־בלאָ.
און כ׳פרעג נישט מער אויף גאָט און צוועק. איך ווייס נאָר—דו ביסט דאָ

אַ בריוו

ווי לאַנג צוריק? מיר דאַכט, אַז טויזנט יאָר,
און אפשר מער?
אַזוי פיל צייט און ווייט האָט צווישן אונז זיך אויסגעשפּרייט.
און איבער צייט און ווייט און איבער רוים און תּהום,
דיין פּנים קינדיש־קליין.
אָט האָט עס ווידער אויפגעלויכטן צווישן אויפגיין און פאַרגיין.
און ס'שמייכלט ליב צו מיר אַרויס פון דראָבנע שורות
פון דיין אומגעריכטן בריוו.
און ס'דאַכט זיך מיר, אַז ס'וועט אַ וואונדער באַלד געשען:
פונאַנדערנעמען וועט זיך לייכט דער שוואַרץ־געשטריקטער פאָרהאַנג
פון דער שריפט
און איך וועל דיך דערזען —
דערזען דיך לעבן מיר — —
און נעמען וועלן מיר זיך ווידער ביי די הענט, אָט ווי אַמאָל,
און לאָזן זיך אין וועג אויף אַ שפּאַציר.
וואוהין?
וואָס איז דער אונטערשייד? —
עס פירט די פרייד
וואוהין דאָס האַרץ באַגערט:
קיין אינדיע? אָדער אפשר קיין באַגדאַד?

און הערסט פון דעם ווייטן שפּאַנען מאַט,
דאָן כאַפּ איך, ווי אַמאָל, דיך אויף די הענט
און טראָג דיך לייכט און גרינג
און זינג
דאָס ליד פון פרייען אויפגיין אינם מאָרגנ־ויט,
וואו ס׳פלאַקערט אַזוי וואונדערשיין דער טויט.

שוין טויזנט יאָר? ניין. ניין. עס איז דאָך נעכטן ערשט געווען.
יאָ, נעכטן ערשט.
די צייט און ווייט — זיי ליגן ווי אַ ים נאָר צווישן מיר און דיר.
און מיר — מיר זענען ברעגן צווי, צוויי ברעגן פון דעמזעלבן ים
און ערגעץ קומען מיר זיך ערדישע צונויף.
דער ערד־קנופּ—אונזער שותּפותדיקע פרייד, וואָס ווי
אַ רויטער פלאַם.

וואָס הויבט זיך איבער צייט און רוימען אויף,
איז אייביק פעסט און אייביק גאַנץ.
עס איז דאָך די דעראינערונג די אייביק בלייבנדע סובסטאַנץ,
וואו זיכער קלינגען אָפּ די טריט
אין אין אַ נייעם עכאָ, ווי די צונג אין גלאָק פון שטאָל,
קלינגט־אויף דאָס אַלטע ליד.
און איבער אונזער ערדן־קנופּ דערפילן מיר זיך ביידע אויף־
דאָס־ביי
אַזוי נאַקעט־אָדערדיק און בלוטיק־פריי — —
און צייט און ווייט און רוים און תּהום
פאַרשווינדן אונטער אונזערע לייכט־שוועבנדיקע טריט.

דער וועג באַדעקט זיך ווייט מיט יונגן צוויט.
עס עפענען זיך ברייט פאַנאַנד
רויט-פלאַקערדיקע טויערן פון אויסגעטראַכטן לאַנד
און אַלץ קאָן איצט געשען
און אַלצדינג קענען מיר איצט זען.
זאָג, זאָג, וואָס ווילסטו זאָל איצט זיין?
די ווירקלעכקייט פאַרשווינדט.
דער חלום אייביקער קומט אָן.
פון ווייטן פלאַקערט אינם זונען-רויט אַ פאָן — יאָ אונזער פאָן.
אָן ווערטער, שטום, מיט ערפורכט, זאָג איך וועגן אונזער קומען אָן.

דער לאַכנדיקער קאָפּ

כ׳טראָג אַ קאָפּ מיט צוויי ליכטיקע אויגן
אַנטקעגן דער וועלט;
אַ קאָפּ מיט אַ לאַכנדיק פּנים,
פון יוגנט און זונען און שנייען באַהעלט.
איך טראָג אים דורך גאַסן און מאַרקן,
אויף ים און אויף לאַנד — — —
און ס׳גריסט אייך דער קאָפּ מיט זיין לאַכנדיק פּנים
און קוועלט נאָכאַנאַנד.

כ׳טראָג אַ קאָפּ מיט אַן אייביקן פרילינג
צו טאָלן אַראָפּ;
און גישט אויף אַ טאַץ, ווי סאַלאָמע
טראָגט טאַנצנדיק יוחננס עלנטן קאָפּ — — —
באָר אויף מיינע אַקסלען די ברייטע,
ווי הויט פון מיין הויט,
ווי מאַרך פון מיין מאַרך—און אין בלוט פון מיין האַרץ
זיין דורשטיקער קנויט.

כ׳טראָג דעם קאָפּ מיט דעם ליכטיקן פּנים
דורך וועלט און דורך זיין,

אַזוי ווי אַ וואָגלער, וואָס טראָגט
אַ לאַמטערן דורך פינסטערע וועגן, אָן שיין;
נאָר אינווייניק, דאָרטן אין מיר, ווערט נישט העל,
נאָר ענגער, געדיכטער דער חושך, וואָס וויקלט מיין זעל.
און ס׳קאָרטשעט זיך דאָרטן אַ מענטש—און ער דרייט זיך אין זיך
און כ׳ווייס נישט: ווער איז ער, דער מענטש דאָרט,
אַ פרעמדער, צי איך.

און דער מענטש, דער באַהאַלטענער מענטש דאָרט,
אין מיר, אין געביין,
ווערט טרויעריקער, עלטער, געקנייטשטער,
און כ׳הער אָפט פון אים אַ דערוואָרגן געוויין — — —
און כ׳ווייס נישט: ווער וויינט דאָרט, אַ פרעמדער, צי איך?
באַוויינט ער דאָס זיין, וואָס פאַרגייט, אָדער מיך, אָדער זיך?
נאָר אויף מיינע אַקסלען, וואָס לאָזן זיך מיד שוין אַראָפ,
ברענט העלער די וועלטן אנטקעגן
דער לאַכנדער קאָפּ.

אַזוי ווי אַ זון איבער חורבות,
וואָס ס׳נעסטעט אַ פינסטערע ראָב —
ברענט העל איבער מיר — איבער אים — איבער אונז —
דער לאַכנדער קאָפּ.
און כ׳טראָג אים, דעם קאָפּ, צו די טאָלן,
אַראָפּ פונם באַרג — — —
און ער לאַכט און ער לאַכט און ער לאַכט.

און עס גיסט זיך מיט בלוט אָן דער קאַרק.
און כ'ווייס:
ווען דער מענטש דער באהאַלטענער דאָרטן אין מיר
וועט שלאָפן שוין, שלאָפן און שווייגן
אין אייביקן טויט
און איבערגעריסן וועט ווערן דער בלוטיקער קנויט —
וועט עמיצער־אַנדערש אים טראָגן, דעם קאָפּ, אויף די אַקסלען
דורך פינסטערע וועלט־קאָרידאָרן,
דורך בייזע, געוועזענע יאָרן —
און לאַכן און לאַכן וועט אַלץ נאָך דער קאָפּ אָט אַזוי —
דורך אויגן פאַרמאַכטע, פון שטומקייטן אַלע ארויס,
דורך טויט
און דורך ערדישער שויס.

פון אדמען...

פון אדמען ביז מיר איין טרויער,
פון אדמען ביז מיר דיזעלבע פרייד;
און איבער מיר, ווי איבער אדמען,
דיזעלבע דראָענדיקע הימלען —
די פינסטערניש די אייגענע פאַרשפרייט.

אין האָב איך ווערטער אַנדערע, ווי אדם,
פאַר דער, וואָס איז מיין וויב זיין באַשערט?
דערנענטער איך זיך נישט אין מיינע טעג און שעהן
צום טויט צו אייגענעם, וואָס אדם,
און צו דערזעלבער הונגעריקער ערד?...

און קאָן איך אין מיין אומגליק מער ווי וויינען
און ברעכן אַ פאַרצווייפלטער די הענט?
און קאָן איך אין מיין פרייד זיך מער ווי פרייען,
און ווער איך דען אין שרפה פון די תאוותס,
די רויטע, ווי דער אור־מענטש, נישט פאַרברענט?

אין שטיי ווי אדם אַ פאַרלוירענער, אַ וויסטער,
צווישן אַלע וואונדער פון דער וועלט,

און ווייס, ווי אדם, אויך דעם אָנהויב און דעם סוף נישט, ––
און ס'שרייט אין מיר אַ קול: ביסט א״ם, אדם!
דו ביסט דער אור-מענטש, איינזאַם אויף אַ פעלד!

געבענטשט זאָלן ווערען

אַ בּרכה אויף אַלינקע קעפּלעך,
די גאָלדענע, שוואַרצע און פֿלאַקסענע קעפּלעך
פֿון קליינינקע קינדער,
וואָס שפּילן מיט פֿרייד און מיט שפּיל אָן
די הויפֿן, די גאַסן, די הערצער,
וואָס שפּרייטן חלומות אין ברודיקע געסלעך
און בּויען זיך שלעסער פֿון לויטערסטן גאָלד
און פֿון שוים און פֿילפֿאַרבּיקע גלעזלעך
צווישן די מיסטקאַסטנס פֿון יעדער גרויס־שטאָט...

געבּענטשט זאָלן ווערן די ליאַלקעס,
די קעצלעך, די היגטלעך, און בערן געשטאָפּטע,
די גאָלדענע שלאַנגען, די פֿאַרבּיקע שלאַנגען,
די בלעכענע מייזלעך פּאַפּירענע פֿליגן —
און טו, גאָט, אַ חסד די קליינינקע קינדער
און שענק געצנוג ווינט פֿאַר די רויטע באַלאָנען,
פֿיאָלעטע און ראָזע און בלאָע באַלאָנען
און פֿאַר די פּאַפּירענע שיפֿלעך.

אַ בּרכה דער וועלט אין די קינדערשע אויגן,

ווייל שיין איז די וועלט אין די קינדערשע אויגן,
אַ שפּיל איז די וועלט אין די קינדערשע אויגן;
און מיר, די דערוואַקסענע זענען אויך קינדער,
גרויסע, צעוואַקסענע, מעכטיקע קינדער —
און אונזערע שפּילצייג: די הייזער, די גאַסן,
די מערק און די קראָמען און וווּנדער-מאַשינען...

אַ ברכה אויף אַלינקע קעפּלעך,
די גאָלדענע, שוואַרצע און פלאַקסענע קעפּלעך
פון קליינינקע קינדער!

עס בעט די וועלט

עס בעט די וועלט פאַר אירע קינדער,
פאַר מענטש און בוים, פאַר שאָף און רינדער,
פאַר פויגל שמעטערלינג און זאַנג,
פאַר לייב, פאַר העלפאַנט און פאַר שלאַנג.

עס בעט די וועלט פאַר אירע קינדער,
זי בעט אפילו פאַרן זינדער,
און פאַר די פיש אין ים און טייך —
פאַר איר איז אַלץ, וואָס לעבט דאָ, גלייך.

עס בעט די וועלט פאַר אירע קינדער,
איר טרויער קאָן נאָר זען דער בלינדער,
איר תפילה-טון הערט נאָר דער טויבער
און איר נשמה פילט דער גלויבער.

טשואַנג טסע זאָגט:

מיר האָט געחלומט זיך —
איך בין אַ שמעטערלינג
און פֿלאַטער זשומענדיק אַרום
פֿון בלום צו בלום,
פֿון בלאַט צו בלאַט
און שפּור זיך
מיט פֿאַרבן און מיט דופֿטן אָן.

איך האָב דערוואַכט —
אַ מענטש, פֿון זאָרג און צער באַשווערט,
אַ וואָרים אונטער שווערע טריט
פֿון אומרחמנותדיקע פֿיס,
אַ ביינערדיק געפֿלעכט
פֿון אומזיכערקייטן,
פֿון אומרו און פֿון שאַנד

•

און ווער קאָן זאָגן איצט—
צי כ׳בין אַ מענטש,
וואָס האָט געחלומט,
אַז ער איז אַ שמעטערלינג, — — — —

צי כ׳בין אַ שמעטערלינג,
וואָס חלומט,
אַז ער איז אַ מענטש ?

צו דעם קליינעם מיידל

צו דעם קליינעם מיידל פון דעם קליינעם פאָסט-הויז
שרייב איך אָט די ווערטער: —
ווען דו האָסט פון מיר דעם בריוו גענומען
און אויף אים אַרויפגעלייגט דעם סטעמפּל
און איך, אַן איילנדיקער, האָב אויף שנעל
אַרויסגעמורמלט דיר: „אַ דאַנק!" —
האָסטו זיכער נישט געוווסט, אַז דאָס האָסטו דעם סטעמפּל
פון דער קליינער סטאַנציע
אָפּגעפּרעסט אויך אויף מיין האַרץ...

און זיכער האָסטו נישט געוווסט,
אַז ווען דיין פינגער האָט מיין האַנט באַרירט,
בעת דו האָסט פון מיר דעם בריוו גענומען,
איז אַלץ, וואָס איז אין יענעם בריוו געשטאַנען,
געוואָרן ליגן — ליגן,
ווייל אין יענער רגע איז דאָס גאַנצע ביטערניש,
וואָס כ'האָב אַריינגעאָטעמט אין די אותיות פון בריוו,
אַראָפּ פון האַרץ און זיך פאַרוואַנדלט
אין אַן אומגעהייער, אָנגענעם געפיל...

און זיכער האָסטו נישט געוווּסט,
אַז איך, וואָס כ׳בין שוין, דאַכט זיך, לאַנג
באַפרייט געווען פון יינגלדיקן סענטימענט,
בין אין יענער מיסטעריעזער רגע
א יינגל אַ פאַרליבטס געוואָרן,
וואָס חלומט וואַכעדיקערהייט
פון אַ מיידלס אויגן, פינגער, האָר.

און איצטער, אַז איך בין שוין אַזוי ווייט פון דיר,
איז דער מיטלפונקט פון אונזער גאַנצער ערד, —
ניין, פון דעם גאַנצן קאָסמאָס —
מיר געוואָרן:
די קליינע סטאַנציע ערגעץ אין קאַנאַדע,
ווו עס שטייט דאָס קליינע פּאָסט־הויז,
ווו עס זיצט דאָס קליינע מיידל,
וואָס נעמט צו בריוו פון איילנדיקע פּאַסאַזשירן,
וואָס שטעלן אָפּ זיך מיט דער באַן אויף רגעס
און פאַרשווינדן באַלד אַהינטער וואָלקנס רויך...

איך ווייס נישט, אויב די ווערטער מיינע
וועלן דיך אַמאָל דערגרייכן,
נאָר טאָמער יאָ, דאַן זאָלסטו וויסן זיין, אַז איינער
פון די איילנדיקע פּאַסאַזשירן,
וועמענס פּנים איז דיר גלייכגילטיק געווען,
ווי פון אַנדערע פיל הונדערטער,

טראָגט אויף זיין האַרץ דעם סטעמפּל
פון דער קליינער סטאַנציע,
וואָס דו האָסט מיט דיינע פינגער אָפּגעדריקט ייִד
אויף אייביק, אייביק, אייביק!

vanity of vanities

...לעצטע עפּל און אַ לעצט געלעכטער.
די לעצטע זומער־געסט פֿאַרזאַמלט אין האָטעל
פֿון קליינעם, ליבן דאָרף.
דער האַרבסט ליגט אויסגעצויגן ביי דער שוועל,
ווי אַ בלינדער וועכטער
איבער איטלעכנס געמיט און טריט.
און עמיצער האָט דיך געבעטן שטיל:
„זינג פֿאַר אונז אַ ליד!"

האָסט אומגעריכט אַ מיש געטון די ביבל,
די ענגלישע, וואָס ליגט דאָ תמיד אויפֿן טיש — — · —
און ס'האָט דיין קול, פֿון פֿרילינג־יוגנט פֿריש,
גענומען ציען באַנג
דאָס אַלטע און דאָס אייביקע געזאַנג:
„וואַניטי אָוו וואַניטיס,
אָל איז וואַניטי"*) — — —
און ס'האָט דיין איטלעכער באַוועג
און יעדער מוסקל־רעג

*) הבל הבלים הבל הבל

געלייקנט — מיט אַ קינדערשן קאַפּריז —
די ווערטער פון קהלתן, אַז אַלצדינג נישטיק איז.
און פרייד האָט, ווי אַ דינער גאָלדן־שטויב,
געמיניעט העל פון די קהלת־רייד,
און ס'האָט דעם רעגנס פּייקלעריי אין שויב
געזונגען פון אַ נאָענטער און ווייטער פרייד.

...„וואַניטי אָוו וואַניטיס" — — —
ס'האָט אויפגעפּליט דער האַרבסט אין יעדערן געמיט — —
אַ פרילינג האָט צעזונגען זיך אין האַרבסטיק־שווערע רייד,
אין טרויעריקן, איינזאַמען קהלת־ליד.
און וואָס איז דען דער האַרבסט?
דער פרילינג פון דעם ווינטער־גייסט,
וואָס שפּרייזט
פון ווייטע וועלטן מיט אַ ווייסער, קאַלטער פרייד,
און וואָס איז פרילינג דען?
דער האַרבסט פון ווינטער־בלי — — —
און ס'האָבן אין דיין זינגענדיקן, קינדיש־ריינעם קול
צעגויפגעגאָסן זיך דער שפּעט און פרי,
דער פרילינג און דער האַרבסט,
דער איצטער און אַמאָל —
די גרויסע איינסקייט, אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף,
וואָס טריפט דורך אונז, אין וואַך און שלאָף,
פון ערשטן זע ביז לעצטער בלינדקייט.

אַנטפּלעקונג

מ'האָט גערעדט געלאַכט, געזונגען און געטרונקען,
שווערע, קלוגע רייד און לוסטיקער געפּלאַפּל האָבן זיך געמישט.
אין אַ געוועב פון ליכט און נעפּל האָבן אַלעמענס געמיטער
זיך באַהאַפטן — און פאַרזונקען.
אין אַ תּהום פון רוישנדיקער פרייד, וואָס וויגט, באַגליקט, דערפרישט

און צינדט די טרויער-אויגן אָן,
ווי פלאַקערדיקע ריטער
פאַר מאַזדאַס טראָן.

אין מיטאַמאָל איז אַלצדינג שטיל געוואָרן
אין מיר און אַרום מיר — געלעכטער, רייד און לידער -
ווי אַ מיראַזש פאַרשווונדן זענען מענטשן, ווענט און זאַכן —
און ווי משה האָט דערזען דעם ברענענדיקן דאָרן,
אַזוי האָב איך דערזען דיך פּלוצים מיט אַלע מיינע גלידער
און דיינע רייד פאַרנומען און דיין לאַכן — — —
דאָס גרויסע וווּנדער איז געשען:
אין איין אַנטפּלעקטער רגע ביסטו אַלץ געוואָרן,
און כ'האָב נאָר דיך געזען.

אַרום דיר — פון גאָט געשיקטע־צאַפּלען די פּאַרלאַנגען מיינע,
ווי פויגלען הפקרדיק, וואָס זוכן זיך אַ נעסט.
אין דיין געגנוואַרט באַהעפטן זיך אויפסניי די שטיקער פון מיין גייסט,
צעריסענע פון לאַנג — און ווידער ווער איך גאַנץ און פעסט.
איך ווער דער איינער פאַר דיר איינע —
פון אַלע וועגן ווערט איין וועג — וווּ די נשמה שפּרייזט
צום ציל פון אַלע צילן: באַהעפטונג אין איין סוד
פון לעבנס צוויי, וואָס ווערן איינס — דערהויבענע און ריינע.

באַלערינע

די קליינע, פלאַטערדיקע באַלערינע
קומט פון טעאַטער שטיל אַרויס:
אויף אירע אַקסלען הענגט אַ פּאַלערינע
און אין די האָר — אַ רויטע רויז.

איך זאָג „גוט אָוונט" מיט פאַרשעמטער מינע,
זי גיט אַ לייכטן נייג דעם קאָפּ;
פון אירע אַקסלען ווייכע, קינדיש דינע,
ווייגט איצט די פרייד פון גאַרדעראָב.

איך און די נאַכט — און זי איז די האַרינע
איצט איבערביידן אין איר צער;
וואָס ליבע האָט צעשיידט — פאַרייניקט שנאה
צום פאַלשן, נישטיקן ווירוואַר.

דו און איך

דו ביסט איך.
איך בין דו.
אָנהויב. סוף.
שטורעם. רו.

דו און איך
מאַן און ווייב.
ליכט און ערד.
גייסט און לייב.

איינס און איינס.
צוויי — אַליין.
און אין אונז —
אַ געוויין.

הינטער אונז —
לערקייט בלויז.
לער און וויסט —
אונז פאָרויס.

גערוען — נישטאָ

אַ שעה צוריק בין איך געווען
און איצט נישטאָ.
פון פאַרבנרייכן מאַסקן־שפּיל
גייט אַרויס אַ מאַן אין גראָ.

און וואָס איך טראַכט, זאָגט ווער אַרויס:
„געווען — נישטאָ".
אַרויסגעצײלט און אויסגעשיילט
פון יאָר, פון וואָך, פון שעה.

צרום מיר — געמיש פון רייד
און אַלע — גראָ.
עס בריט זיך ווער מיט הייסער טיי
און זיפצט: „געווען – נישטאָ".

דורות ציען

איך בּין נישטאָ... די דורות ציען
און איבּער קעפּ — די זון — אַ פּאָן.
אין לעצטער תּפלה מחנות קניען
און נייע קומען אָן.

איך בּין נישטאָ... די צייטן ראָלן,
ווי פּאַרמעטן אין האַנט פון גאָט.
און צווישן בּערג־ווו, צווישן טאָלן
קלינגט־אָפּ אַמאָל מיין טראָט.

איך בּין נישטאָ... אין וועמענס אויגן
בּליצט ווי אַ שטערן, אויף מיין פרייד.
פון טרויער ווערט אַ קאָפּ געבּויגן
און מורמלט מיינע רייד.

מענטש פון צוקונפט

מענטש פון צוקונפט —
פון אונזער טויט האָט אויפגעשפּראָצט דיין לעבן
פון אונזער בלוט האָט אויפגעיערט דיין ערד.

אונזערס איז דער פלאַם אין דיינע אויגן.
אונזערס איז דער אָטעם אין דיין מויל —
אונזער תאווה ברענט אין דיינע גלידער.

מענטש פון צוקונפט —
ווי פי צו שחיטה זענען מיר געגאַנגען
פאַר דיר, פאַר דיר, פאַר דיר אויף יעדן שלאַכטפעלד,
אין אַלע אויפשטאַנדן, אויף אַלע שייטערס.

מיר האָבן אונזער פרייד, ווי בראַנדאָפּער געלייגט
אויף העלישן מזבח פון דער צוקונפט —
פאַר ווייטע טעג וואָס וועלן אונז נישט קענען,
פאַר יאָרן, וואָס מיר וועלן זיי נישט וויסן.

מענטש פון צוקונפט —
געשטאָרבן זענען מיר, אַז דו זאָלסט לעבן
די לעבנס, וואָס מיר האָבן נישט געלעבט.

טויט

זי איז טויט און קיינער ווייסט נישט.
זיצט די אַלטע טויטערהייט
אויף אַ באַנק אין סקווער — אַ ווינטל
שפּילט זיך מיט איר קלייד.

פאַר אירע טויטע אויגן טאַנצן
קינדער אין אַ רינגל-ראָד;
אויף איר גוף דעם איינגעשרומפּטן
פאַלט דער רויש פון שטאָט.

אַ קאַטערינקע שפּילט אַ פריילעכס.
לאַנגזאַם רוקט זיך אָן די נאַכט.
און שילדן האָבן זיך — מיליאָנען —
פייערדיק צעלאַכט.

די אַלטע קוקט מיט טויטע אויגן
אויף אַן אויפגעהעלטער שילד.
אַ שוואַרצער הונט לויפט אָן פון ערגעץ,
שטעלט זיך אָפּ און בילט.

שטורעם

דער שטורעם רייסט די פענצטער
דער בליץ פאַרברענט די נאַכט —
איך ליג מיט אָפענע אויגן,
פון חלום אויפגעוואַכט.

איך האָב געזען אַ לוויה,
אבלים טראָט ביי טראָט.
איך פרעג: ווער איז געשטאָרבן?
און עמיץ ענטפערט: גאָט.

גאָט ליגט אין שוואַרצן ארון
אבלים, שטיל, פאַרטראַכט — — — — — —
דער שטורעם רייסט די פענצטער,
דער בליץ פאַרברענט די נאַכט.

מאַגנאָליאַ

1

מאַגנאָליאַ זינגט אין מיר אין וואָך און שלאָף.
מאַגנאָליאַ וויגט מיך איין און וועקט מיך אויף —
מאַגנאָליאַ.

פון אַלע פלאַנצן האָט צעבליט אין מיר איין פלאַנץ,
די שטיל־באַשיידענע – אין ליכט־ און שאָטן־טאַנץ –
מאַגנאָליאַ.

מיין האַרץ פאַרגייט אין פרייד ביים נאָמען בלויז,
ווייל ס׳הייסט אַזוי אַ קליין און פשוט הויז —
מאַגנאָליאַ.

2

און נישט אין טעמפּלען, מעכטיק־רייכע, הויך און שטאָלץ,
נאָר אין דעם דאָרפישן מאַגנאָליאַ־הויז פון האָלץ
איז מיין האַרץ מתפּלל.

מיט ליבשאַפט האָט מיין האַרץ דאָס קליינע הויז געקרוינט,
ווו זי האָט זומער אין אַ צימערל געוווינט
און דאָ געחלומט שטיל.

פון אַלע פלאַנצן וויל איך די מאַגנאָליאַ בלוין,
פון די געביידן אַלע — דאָס מאַגנאָליאַ־הויז,
פון אַלע פרויען — זי.

3

אַ געצנדינערישע ליגט די זומער־נאַכט
און ס'אָטעמט אַלץ מיט דורותדיקן גלויבן — —
אין אַזאַ נאַכט איז יעדער בוים און קוואַל אַ גאָט
און אַ גאָט איז יעדער שטערן אויבן.
און אַלצדינג רעדט צו דיר און ס'רעדט דיין האַרץ צו אַלץ
און אַלץ איז וואָרט און ליד און פרייד און טרויער.
און ס'טובלט זיך דיין גוף אין שווייגן פון דער נאַכט
און דו ביסט לויטער אויג און לויטער אויער.
אין אַזאַ נאַכט האָב איך זיך צו איר הויז געגענט,
אַ גלויביקער צום פענצטער צוגעקומען
און כ'האָב געזען ווי די לבנה — פול און רונד —
איז אויף איר שלאָפנדיק געזיכט געשוווּמען.
זי און די לבנה האָבן שטום און פרום
געוויִיט מיט חלום, ווייסע פרייד און לעבן — — —
און מיט ערפורכט האָב איך דער לבנה שטיל
אויף איר פּנים פרום אַ קוש געגעבן.

די לעצטע

זי איז פאַרבייגעגאַנגען מײַן וועג,
נישט אומגעקוקט זיך אפילו.
זי איז פאַרבייגעגאַנגען מײַן וועג
אַזאַ שטילע —
און זי איז פאַרבליבן אין מײַנע טעג,
ווי אַ תפילה.

איר שאָטן געפאַלן איז אויף מײַן זעל,
אַזוי ווי דער פאָך פון פליגל.
איר שאָטן געפאַלן איז אויף מײַן זעל,
ווי אַ זיגל —
כ׳וואַרט אויף איר ליכטיקן קומען מײַן שוועל
און מײַן שפּיגל.

און ווען עס געפאַלט מײַן לעצטע שעה,
וועט זי בײַם בעט מײַנעם ווערן.
און ווען עס געפאַלט מײַן לעצטע שעה,
וועל איך הערן
איר קוש — וואָס איינער אַזאַ איז נאָר דאָ —
אויף מײַן שטערן.

ביי לעבן...

מיר זענען שוין ביידע דאָ געווען –
און מיר האָבן זיך שוין ליב געהאַט –
ביסט צוריקגעקומען אויפדאָסניי,
ווי צום בוים קומט דאָס בלאַט.

נאָענט איז מיר דיין יעדער ריר און נויג,
ווי נאָענט ס'איז מיר אָט דער שטילער טאָל –
כאָטש כ'גיי דאָ ס'ערשטע מאָל פאַרביי
און זע דיך דאָ ס'ערשטע מאָל.

מיר זענען שוין ביידע דאָ געווען,
אָט דאָ, אין שטילן טאָל לעבן באַרגז
שאָף געפּיטערט דאָ און פאַרקויפט
קעז און פּוטער אויפן מאַרק.

און אפשר, אפשר בין איך געווען
אַ קעניג דאַן גרויס און שטאַרק און רייך –
מיט דיר מיין קליינע קעניגין,
דאָ געריטן, פאַזע טייך.

נאָר וואָס געווען איז שוין לאַנג פאַרביי,
אַ לעבן איז ווידער אונז באַשערט — —
פאַרבלייב! כ'בין נאָך קיינמאָל נישט געווען
אַזוי עלנט אויף דער ערד.

ש׳ נעמין

1

פֿאַרבייגעגאַנגען אין מיין חלום זענען,
אויף אַ ברייטן מדבר־שליאַך —
די וווּנדערלעכע, צאַרטע פֿרויען
פֿון תנ״ך.

רחל, קרוג אויף אַקסל, שפּאַנט פֿון ברונען,
גיט זיך שעמעוודיק אַ נויג;
און אָט באַווייזט זיך מרים. — פֿריילעך
רוישט איר פּויק.

דבורהס ליד געברענט האָט מיינע בלוטן,
ווי שולמית מיט איר לייב;
אַזאַ ווי רות האָב איך געבעטן
פֿאַר אַ ווייב.

אַצונד פֿאַרנויגן זיך צום אָפּשייד רחל׳
דבורה, מרים און אויך רות;
און ס׳שיקט שולמית מיר דעם לעצטן
הייסן גרוס.

זיי נויגן זיך צו דיר מיט ליבע, נעמי,
טרעטן־אָפּ מיט אַ געזאַנג — —
און שיין ווי רות ביסטו, מיין נעמי,
יינג און שלאַנק.

דיין נאָמען בליט ווי מאָן אין אַלע הויטן
פון מיין אויפגעהעלטן גוף,
וואָס ציטערט אין פאַרבענקטן ציטער
פון דיין רוף.
און מיט די רייד פון רות וויל איך דיר זאָגן:
ווו דו גייסט, דאָרט גיי איך מיט:
איין גאָט פאַר אונז, איין וועג — איין ריטם
אין די טריט.

2

וווהין איך גיי — איז דאָס אַ גאַנג צו דיר.
מיין איטלעך וואָרט איז — אַ געזאַנג צו דיר.
מיין יעדע שעה איז — אַ געשאַנק פאַר דיר.

די פרעמדסטע ווייטקייט — איז מיר נאָנט מיט דיר,
אַ ווו אַ שיינקייט נאָר - דערמאָנט אָן דיר.
און גאָר די אומרו — איז באַטאָגט אין דיר.

ס'ברענגט יעדער שמייכל מיר — אַ גרוס פון דיר.
און יעדע פרייד איז — אַ געניוס פון דיר.
און יעדער צער איז — אַ פאַרדרוס פון דיר.

3

מיין לייב איז איצטער לויטער אויג.
מיין יעדער נערוו און מוסקול – אויג –
זע איך מיט מיין גאַנצן לייב
דעם מינדסטן נויג
פון דיין דין־געשניצטן גוף,
פון דיין לאָקערדיקן גוף,
פון דיין פלאַטערדיקן גאַנג,
פון דיין גאַנג וואָס איז אַ רוף,
פון דיין גאַנג, וואָס איז געזאַנג –
אַ געזאַנג פון חזהס שלאַנג
אין דיין יעדן בויג און נויג
פאַר מיין אויפגעפלאַקערט אויג.

דריי געזאַנגען פֿון לי־טאַי־פּאָ

1

אַ טאָפּ מיט ווײַן צווישן בלומען.
איך אַליין טרינקענדיק אָן חברותא.
איך הייב אויף דעם באָקאַל און פֿאַרבעט די ליכטיקע לבנה,
מיט מײַן שאָטן אַנטקעגן זענען מיר זיכער דרײַ.
אָבער די לבנה קאָן נישט טרינקען
און מײַן שאָטן פֿאָלגט נאָך אומזיסט די באַוועגונגען פֿון מײַן גוף.
דורך דער קורצער צײַט זענען די לבנה און מײַן שאָטן מײַן
געזעלשאַפֿט.
אָ, זײַט פֿריידפֿול! מ׳דאַרף געניסן וויפֿיל מ׳קאָן פֿון פֿרילינג.
איך זינג — די לבנה שפּאַצירט פֿאָרויס צום ריטם:
איך טאַנץ, און מײַן שאָטן ברעכט זיך און צעשווימט.
אין מײַנע ניכטערע מאָמענטן זענען מיר גליקלעך צוזאַמען.
ווען איך בין שכּור, זענען מיר צעשיידט איינער פֿון אַנדערן
און צעוואָרפֿן.
פֿאַר אַ לאַנגע צײַט וועל איך זײַן צופֿרידן צו וואַנדערן
אָן כּוונה.
אָבער מיר וועלן האַלטן אונזער ראַנדעוווּ
ביים ווײַטן, פֿאַרוואָלקנטן טײַך.

2

װען דער הימל װאָלט נישט ליב געהאַט קײן װײַן,
װאָלטן נישט געװען קײן טרויבן־שטערן אויבן.
װען די ערד װאָלט נישט ליב געהאַט קײן װײַן,
װאָלטן נישט געװען קײן װײַן־פּרילינגען אונטן.
פֿאַרװאָס־זשע זיך שעמען, פֿאַרן הימל ליב צו האָבן װײַן?
איך האָב געהערט, אַז קלאָרער װײַן איז װי די חכמים;
עס װערט װידער געזאָגט, אַז דיקער װײַן איז
װי די זיטלעכע חשובים.
דערפֿאַר דאַכט זיך אויס, אַז מיר האָבן פֿאַרשלונגען
חכמים און חשובים...
פֿאַרװאָס זאָלן מיר װעלן װערן געטער און אומשטערבלעכע?
דרײַ באָקאַלן און מיר קאָנען גוט פֿאַרשטײן
דעם גרױסן טאַאָ.
אַ גאַלאָן, און מיר זענען אײנס
מיט דער גאַנצער יצירה.
בלױז די, װאָס זענען טועם, קאָנען תּופֿס זײַן
די פֿרײד פֿון װײַן —
איך קאָן נישט זאָגן, אַז זײ זענען ניכטער...

3

דידאָזיקע צייט אונזערע
אין ווי אַ גרויסער צעשווומענער חלום.
פאַרוואָס זאָל אַ מענטש פאַרשווענדן זיין צייט אין אַרבעט?
טראַכטנדיק דאָס בין איך שכור געווען אַ גאַנצן טאָג,
כ׳בין אומגעפאַלן און געלעגן מיטן קאָפּ אַראָפּ
ביי די זיילן, פאָרנט פון הויז.
ווען איך האָב דערוואַכט, האָב איך באַטראַכט
אַ לאַנגע צייט
דעם הויף פאַר מיר.
אַ פויגל זינגט צווישן די בלומען.
מעג איך פרעגן וואָס פאַראַ סעזאָן איצט איז?
פרילינגס־ווינט
דער ליכטיקער אָרעאָל פון וואַסער־שטראָם רופט.
מיינע געפילן וועקן אין מיר זיפצן.
ווייַן איז נאָך דאָ. איך וועל צוריק אָנגיסן מיין קאָפּ
און טרינקען.

אך זינג אויסגעצייכנט.
אך וואַרט אויף דער ליכטיקער לבנה.
א·ך האָב שוין, צום סוף פון מיין געזאַנג, פאַרגעסן
מיינע געפ·לן.

אויפֿן מיטן גאַס...

אויף אַ פֿידל שפּילט אַ בלינדער
און גאָט טאַנצט מיט קליינע קינדער
אויפֿן מיטן גאַס,
אויפֿן מיטן גאַס.

פֿידל־לידל, לידל־פֿידל
און אַ הויקערל, אַ יידל,
בויקערט אין אַ פּאַס,
בויקערט אין אַ פּאַס.

גאָט און קינדער און אַ באַבע
און אַן אַלטע קאַץ אַ ראַבע
דרייען זיך אין ראָד,
דרייען זיך אין ראָד.

גיט אַ יאָג אַ ווינט מיט רעגן
און צעשפּרייט די פֿרייד אויף וועגן—
פֿאַר דער גאַנצער שטאָט,
פֿאַר דער גאַנצער שטאָט.

דער צייכן

אין מדבר — קעמל־קאַראַוואַנען.
אין בלאָע הויכן — עראָפּלאַנען.
קיינער וועט נישט דערגרייכן
פֿון זעלן־רו דעם צייכן.

אויף אַלע ימען — שיפֿן, שיפֿן.
די סובמאַרין — אין וואַסערס טיפֿן.
יעדער האָט אין זינען:
געפֿינען! — וואָס געפֿינען?

און די, וואָס גייען, די וואָס פֿליען,
און די, וואָס מיד אין מדבר ציען —
זוכן גלייך דעם צייכן,
וואָס קיינער וועט נישט גרייכן...

ליגנס

װי גוט עס איז צו ליגן אָט אַזוי אין גראָז
און הערן דײַנע ליגנס,
דײַנע װאונדערלעכע ליגנס.
פֿילפֿאַרביקער און שמעקנדיקער פֿון די בלומען
זענען דײַנע ליגנס.

איבער אונז די אײביקע אומענדלעכקייט,
פֿון ערגעץ נישט צו ערגעץ נישט.
און אונטער אונז די פעטע, גאָט־געבענטשטע ערד.
אַלץ װייעט איצט אויף מיר מיט דײַנע ליגנס,
דײַנע דופטנדיקע ליגנס.

די ליגנס לאַכן פֿון די שײנע אויגן דײַנע.
די ליגנס ציטערן אַראָפּ פֿון דײַנע דינע ליפּן,
װי קלײנע שמעטערלינגלעך, ערשט געבוירן.
אָט מאַך איך צו די אויגן און זויג דורשטיק
מיט אַלע חושים דײַנע ליגנס.

און אפשר ביסטו אויך אַ ליגן —
דער לעצטער ליגן פון דער וועלט
צום מידן, רעזיגנירטן זוכער?
אָט כאַפּט אַ ווינטל אויף די ליגנס דייבע
און פלאַטערט זיי פונאַנדער;
אַ ליגן פון סוף=זומער,
אַ ליגן פון אַ ליבע.
אַ ליגן פון אַ לעבן.

טויט

דעם ליכטיקן אָנדענק פון [illegible]
ליבער יוגנט-חברטע ש ר ה פ ע ר ל,

דער הערלעכער, דער וואונדערלעכער טויט — — —
דער אייביק-ברענענדיקער קנויט
פון צייט — — —
ער ברענט אין ווייס. ער ברענט אין רויט.
ער ברענט אין גרין, אין בלאָ, אין גאָלד־געל, אין פיאָלעט —
אַריבער אינזלען, ימען, לענדער, דערפער, שטעט,
פון נאָנט און ווייט.
דער אָפּשיין פון זיין הערלעכן, זיין וואונדערלעכן ליכט
אויף איטלעכן געזיכט.

דער הערלעכער, דער וואונדערלעכער טויט — — —
מיר ציען בלינד זיך צו זיין ליכט,
מיט יעדן חוש,
מיט גייסט און בלוט, מיט הויט און קלייד,
ווי ס'ציט אַ קינד זיין לויכטנדיק געזיכט
צו מאַמעס קוש —
באַנג־גיריק נאָך זיין איבעראירדיש־פרייער פרייד,
נאָך זיין באַשייד.
מיר קומען מיד פון אינזלען, סטעפּעס, לענדער, דערפער, שטעט,
ווי קינדער, צו זיין בעט.

וואו איז דער?

וואו איז דער,
וואָס איז אין אורוואַלד דאָ געגאַנגען
און מיט אַ מעסערל עקשנותדיק געקריצט
אויף קאָרע פון דעם העכסטן, גרעסטן סאָסנע־בוים
זיין נאָמען?

אַ נאָמען —
אַזאַ גראָער און אַלטעגלעכער
און ס'טראָגט אים אויף זיין לייב איצט, ווי אַ חתימה,
דער שטאָלצסטער בוים פון וואַלד און נערט אים מיט זיין זאַפט
און זאָמען.

וואו איז דער,
דער איינער פון די פיל מיליאָנען,
וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרשווינדן אין דעם גאָרנישט —
צי גייט ער נאָך אַרום אויף דר'ערד, צי ס'איז זיין גוף שוין
ער אַליין?

וואו איז דער,
וואָס אַריבער מאָנומענטן, טורעמס,

פּיראַמידן פון יחידים, אויסדערוויילטע
דערהויבט זיך שטאָלץ דער סאָסנע־בוים דער פעסטער
מיט זיין נאָמען?

נאָכטיורן — I

פענסטער פארלעשן זיך — בלינד.
טויערן שליסן זיך צו.
איצט בין איך בײַנאַכטיקע רו.
פול ווערטער און שטום.

מויער, לאַמטערן און איך
פאַרשלונגען, געפאַנגען אין נאַכט.
די וועלט האָט אין מיר זיך פאַרטראַכט
און איך — אין דער וועלט.

שאָטנס און טריט און אַ קול.
אַ פּאָך וואו — און אויס אין דער ווייט.
אַ שטערן־ווע׳ט פאַלט — און צעשנײַדט
אַ פינסטערן ים.

גיין וואו, צי בלײַבן אַזוי,
ווי אַ לאַמטערן אין נאַכט?
איך בין אין דעם וועלט־רוים פאַרמאַכט
און אומעטום — שוועל.

פֿענסטער פֿאַרלעשן זיך — בלינד.
טויערן שליסן זיך צו.
כ'בין מויער, לאַמטערן און רו,
כ'בין גרענעץ און רוים.

נאַקטיורן — II

פון טאָג, פון רויש, פון ווילדן אומזין
צוריק אין שטילן מלכות פון דער נאַכט,
און אַלע גרענעצן פאַרלירן זיך אין חושך,
און יעדער טריט באַקומט צוריק זיין קלאַנג.

נישט ליכט. נישט לעבן — — אָן אַ צורה —
די אור־נאַכט הילט מיך איצט אַרום.
די אור־נאַכט — אייביקע — דער אָנהויב —
די אור־נאַכט — אייביקע — דער סוף.

גאָך וויסט און לער — נאָך נישט באַשאַפן.
און ס'שוועבט דער אור־גייסט איף דער נאַכט.
וואָס טו איך דאָ אַליין — ווער בין איך?
וואָס פלאַטערט אַזוי אימהדיק מיין זעל?

זאָל ווערן ליכט!... האָט דאָס די אור־שטים
דערטראָגן זיך דורך פינסטערניש צו מיר —
צי ס'האָט מיין אייגן קול גערופן
צו מיין נשמה אין דער חושך־נאַכט?

אַלץ, וואָס גייט אַוועק

אַלץ, וואָס גייט אַוועק,
מאַכט שווערער, גראָער, באַנגער אונזער וואָר
און מיר חלומען דערפֿון מיט צער.

די זעגל־שיפֿן ווערן נאָך אין אונזער חלום
פֿון ווינט געטריבן אויף די ימען.
זעגלען פֿלאַטערן אין אונזער ליד.

די חנעוודיקע פֿאַיעטאָנען
מיט די גאַלאַנטע פֿערד, וואָס האָבן ווי חלומות,
געגליטשט זיך אין די גאַסן.

די קעראָסין־לעמפּלעך, וואָס האָבן מיסטיש
אין האַלב־טונקלקייט געפֿלעמלט,
און סילועטן אויף די ווענט געוואָרפֿן —

אַלץ, וואָס איז אַוועק, טוט באַנג,
אַפֿילו דער אַלטער טרייער,
וואָס איז נישטאָ מער.

שאָפּענהויער

דורך אַלע טויערן פון אומגליק,
דורך אַלע ווענט פון טרויער
פירט דיין טרויעריקע, צאַרטע האַנט מיך —
שאָפּענהויער.

דורך מאַיאַס שאָטנהאַפטן שלייער
אַן אויג קוקט פול באַדויער;
פון דיינע בלעטער וויט דער צער פון אמת —
שאָפּענהויער.

געשטאַלטן שלייכן שטיל פאַרשווינדן
אין אַ געהיימען טויער.
מיין האַנט אין דיינער ציטערט דאַנקבאַר, דאַנקבאַר —
שאָפּענהויער.

עד

דער מויערער מויערט די ציגל,
דער בלעכער באַשלאָגט זיינע דעכער;
און עדנאַ זיצט שעהן ביים שפּיגל
און פּאָכט זיך מיט זיידענעם פעכער.

דער גרעבער גראָבט ערדישע שאַכטן,
דער קאָוואַל שמידט רייפן און רעדער;
און איך גיי אין שטילע פארנאכטן
מיט עדנאן אין בליענדע סעדער.

די מילבן צעפרעסן די ציגל,
דער רעגן צעלעכערט די דעכער;
ס׳זעט עדנאַ איר וויאַנען אין שפּיגל
און ס׳ווייגט אויף איר פּנים דער פעכער.

יעדער קומט...

יעדער קומט און יעדער נעמט
פון מיין לייב און פון מיין זעל.
קומט דער ווינט און קומט די וועל,
קומט אַ מויל נאָך מויל און הענט.

יעדער טרינקט און יעדער עסט
פון מיין בלוט און פון מיין הויט.
כ׳בין דער וויין און כ׳בין דאָס ברויט —
הפקרדיק פֿאַר אַלע געסט.

טרינקען אָוונטן מיך אויס
עסט די זון מיך טאָג נאָך טאָג.
טרונק און שלונג — און א צעיאָג
איבער רוימען, ברייט און גרויס.

אויבן וועלטן, אונטן וועלט.
איך בין הפקר אין דערמיט.
יעדע שעה — אַ פרישער שניט,
בויג איך זיך ווי זאַנג אין פעלד.

גיי איך אויס און גיי איך איין
און נישטאָ באַלד און אָן ענד —
און איך בין אין שטויב, אין שיין
אין דעם ליים פון אַלע ווענט.

ש אָ ט נ ס

אייביקע שאָטנס

שאָטנס אויף ווענט
פון פאַרבראָכענע הענט.
אַ שאָטן פון פּנים אין שפּיגל —
אַ שאָטן פון פאָכנדע פליגל.

שאָטנס אויף פלאַמען.
שאָטנס אויף ימען.
דיין שאָטן ביי מיר אין די אויגן —
געקומען, געשוואומען, פאַרפלויגן.

אויף ימען אויף אַלע מיין שאָטן.
אויף פלאַכן,
אויף שליאַכן
מיין שאָטן.
אויף פייערן אַלע מיין שאָטן.

אַ שאָטן פֿון הימל — אין האַרץ.
אַ שאָטן פֿון גאָט אין מיין זעל.
אַ שאָטן ביי מיר אויפֿן שוועל
פֿון דעם, וואָס ס'וועט קיינמאָל נישט קומען,
פֿון דעם, וואָס ס'וועט קיינמאָל נישט זיין.

שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס —
אייביקע, אייביקע שאָטנס.

II

צווייַ שאָטנס

צווייַ שאָטנס איַילן דורך דער נאַכט.
איינער פונם מערב צו דעם מזרח,
איינער פונם מזרח צו דעם מערב.

— גוט אָוונט, מערב־שאָטן!
וואוהין?

— דער אָדערדיקער, מוסקוליעזער גוף,
וואָס האָט זיך פּופּציק יאָר מיר נאָכגעשלעפּט,
ווי אַ שווערע לאַסט,
האָט איצט אַ לעצטן צאַפּל זיך געטון.
יאָג איך זיך צוריק אין שאָטן־רייַך,
נאָך רו.
און דו?

— אין דיקער פינסטערניש פאַרזונקען,
אין האַרטן שלאָף,
ליגט איינגעקנוילט דער שווערער גוף,

מיט וועלכן גאָט האָט מיך געשטראָפט.
אייל איך זיך צום שאָטן־טאַנץ,
צו דער הוליאַנקע פון די שאָטנס
אויסן שטאָט...

צווי שאָטנס איילן דורך דער נאַכט...

III

די שאָטן-פּראָצעסיע

איך האָב געזען — איך ווייס נישט צי אין חלום,
אָדער וואַכערהייט —:
אַ מאַרש פון שאָטנס,
אַ פּראָצעסיע
האָט געצויגן זיך אין דעמער־ליכט
גאַס־איין, גאַס־אויס,
אַ ריי נאָך ריי —
קלאַנגלאָז, שטומערהייט.

מחנות שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס.
הויכע, ברייטע, קרומע,
פון דורות איצטיקע און פון פאַרגאַנגענע
און אויך פון די, וואָס דאַרפן קומען...

קיין שאָרך, קיין ציטער האָט זיך ערגעץ נישט געהערט,
דער דינסטער אָפּקלאַנג נישט פון רייד — — — —
און איבער די מאַרשירנדיקע שאָטנס
האָבן פענער — בלייכע, ווי די שוועבנדיקע רויכטן,

וואָרנענדיק געוויינט,

און מיר — די מענטשן פון דער שטאָט דער גרויסער —
האָבן שאָטנלאָזע אינם דעמער־ליכט געשפּירט
ווי אונזער לייב דורכזיכטיק ווערט און לייכט,
ווי ביסלעכווייז פאַרלירט
דער גוף זיין וואָג
און אונזער בלוט פאַרבלייכט,
פאַרבלייכט.

די שאָטנס־מחנות האָבן זיך געצויגן און געצויגן
און קרעפטיקער און גרעסער זענען זיי געוואָרן.
און מיט אונזער בלוט — שוין בלייך —
האָבן מיר פאַרנומען טיף דעם שווייגנדיקן צאָרן:
„עס קומט דאָס שאָטן־רייך אויף אייך!
„דאָס שאָטן־רייך — אויף אייך!"

אַלט-אינדישע געזאַנגען

*

דאָס איז מיין תּפֿלה, מיין גאָט —

גיב מיר דעם כּח צו טראָגן מיין פֿרייד און מיין צער.
גיב מיר דעם כּח צו מאַכן מיין ליבע אַ פֿרוכטבאַרן קרבן.
גיב מיר דעם כּח נישט קיינמאָל צו רויבן די אָרימע לייט,
אָדער צו בויגן די קניען פֿאַר מאַכט.
גיב מיר דעם כּח מיין גייסט צו דערהויבן אַריבער
די טעגלעכע זאָרג;
און גיב מיר דעם כּח מיט ליבע דיר אונטערצוגעבן
מיין מאַכט!

*

די לבֿנה שיינט אין מיין גוף,
נאָר מיינע בלינדע אויגן זעען זי נישט.
די לבֿנה שיינט אין מיר, אַזוי אויך די זון.
די אייביקייט זינגט אין מיר,
נאָר מיינע טויבע אויערן קענען נישט הערן.

* * *

ווי איינער טוט זיך אויס
זיין אויסגעטראָגן קלייד
און טוט אַ נײַ קלייד אָן
און פֿילט דערבײַ אַ פֿרייד —
אַזוי טוט אויך דער גייסט
זיך אויס זיין גוף, זיין קלייד
און ציט אויף זיך אַרויף
אַ נײַעם גוף מיט פֿרייד.

* * *

אַזוי ווי די שווימענדע טראַטוועס
וואָס טראָגן זיך איבערן טייך,
טרעפֿן זיך אָן און באַרירן זיך
און שיידן זיך גלייך —
אַזוי־אָ אויך שווימענדיק שטענדיק
אויף לעבנס־אומרויִקן טייך
באַגעגענען דורות זיך, גריסן זיך
און שיידן זיך גלייך...

* *

צו וועמען, זאָג, בעטסטו אין איינזאַמען
פֿינסטערן ווינקל פֿון טעמפּל?

עפן די אויגן — און קוק זיך אַרום:
גאָט איז דאָ נישטאָ.
ר'איז דאָרט, וואו דער פויער טוט גראָבן
די האַרט-שוואַרצע ערד
און וואו דער וועג-בויער עגבערט און ברעכט
די שטיינער, די פעלזן.
ער איז מיט זיי שטענדיק, אין זון און אין רעגן
און באַדעקט מיטן שטויב איז זיין קלייד;
טו-אויס, אָ, דיין הייליקן מאַנטל
און קום אויך, ווי ע ר, דאָ אַרונטער
צום שטויביקן באָדן!

פאַרנאַכט

א ב ר ה ם ז א ק ן

די גאָלדענע בין איז געשטאָרבן
אויף דער גאָלדענער שויב פון פאַרגייענדער זון;
איצט ליגט זי אין ווינקל פון פענסטער-ראַנד טויט
און ווייניקער איז אַ געזשום
אין פאַרנאַכטיקן רוים,
און ווייניקער איז אַ געזשום
אין מיין אָוונטיק-טרויריק געמיט.

אַ בעטלער זינגט איצטער אַ ליד
אויפן הויף וועגן בלינדע, וואָס זוכן דעם טויט;
און ס'טאַנצן אַרום אים די קינדער אין ווייסן,
אין גאָלדיק-פאַרנאַכטיקן רויט
און פול ווערט מיין צימער מיט רויטן געזאַנג
פון אַ ווייטן-און-נאָענטן טויט,
וואָס גייט-אויף אין רויט.

בין איך אייגער אַצונד פון די בלינדע,
וואָס זוכן דעם טויט מיט די טריט,
וואָס רופן אַרויס מיטן שטעקן פון ערד און פון שטיינער אַ ליד,

וואָס טראָגן פֿאַנאַנדער אין הויפֿן אין פֿרעמדע
אמרואיקע ווערטער פֿון טרויער און שאַנד
און זעען מיט נאַכט-בלינדע אויגן דאָס לאַנד,
וואָס ס'קענען קיין אָפֿענע אויגן נישט זען.

דו

דו!
אָ, וואונדערלעכער קלאַנג,
ווי אָפּגעריסן פון אַ האַרף,
האָט זיך דיין ערשטער „דו"
אַ שנייד געטון אין לופט,
און יעדעס מייזלכל פון מיין הויט
האָט שאַרף
און רויט
און גיריק זיך אַ צי געטון
צום „דו".

דו!
די נאַכט האָט מיט דיין מויל
אַ זאָג געטון מיר היימיש „דו",
און פעלד און בוים און שטאָט
האָט אויפגעכאַפּט דיין „דו",
און כ'בין אַצינד מיט נאַכט און וועלט,
מיט צייט
און גאָט,
מיט שטורעם און מיט רו
„אויף דו".

קאַלאַ האַנסאַ *)

דיין פלאַטער אין אַלעמענס גשמות,
ציען מיר זיך און ווייסן נישט וואוהין.
אונזערע גשמות — זעגל־שיפן,
וואָס וואָגלען אויפן אייביקן ים
פון דער אייביקער נאַכט.

ים און נאַכט און גאָרנישט.
און איבער אונז, פון אַלע זייטן,
דיין פליגל־פלאַטער, קאַלאַ האַנסאַ.
רו און טרייסט פון דיינע פליגל,
די רו פון אייגעוויגטן לעבן.

אויף ענדלאָזער, אייביקער שטילקייט
שווימט אונזער סודותדיק וואָרט.
דורך ים און דורך נאַכט און דורך שווייגן
טראָגן מיר זיך, מיט שטיל־ווערנדיקע זעלן,
נאָך דיין פליגל־פלאַטער, קאַלאַ האַנסאַ.

---

*) אַ מיסטישער פויגל פון דער אינדישער מיטאָלאָגיע.

ווּרד פרעמדע וועלטן...

ז

עס קאָן דאָך זייַ...

עס קאָן דאָך זיין,
אז אָט אַזוי ווי איך אַצונד,
וואָס שטיי דאָ אין דער ווייסער, ווינטערדיקער נאַכט,
אין פראָסט און ווינט —
דעם בליק געווענדט
צום ווייטן הימל־רוים,
צום בלאָען „אָן אַן ענד" —
און טראַכט,
וואָס ס'האָט דער ווייטער אור־מענטש שוין געטראַכט
און וואָס דער קומענדיקער ברודער־מענטש וועט טראַכטן,
ווען איך וועל שוין דאָ נישט זיין,
קוקנדיק צום שטערן־שיין —

אַז אָט אַזוי שטייט אויך אַצונד
אויף איינעם פון די ווייטע וועלטן,
וואָס לייכטן איבער אונזערע געצעלטן —

אַ מענטש פּאַרטראַכט
און קוקט צו אונזער וועלט, צו אונזער ערד,
וואָס ווינקט צו אים פאַרקלערט
אַדורך דער בלאָער נאַכט
און רעגט אין אים דעם גרויסן סוד,
וואָס רעגט אַצונדער מיך,
מיין גאַנצן איך —
און איין געדאַנקען־פאָדים בינדט
צונויף אונזביידן — בלינד.

II

פרעמד...

א גרויסע, פרעמדע וועלט האַלט אונז געפאַנגען,
אַ פרעמדע! גוטע ברידער מיינע.
מיר קענען נישט אַוועק פון איר און שווער איז דאָ צו זיין —
און היימיש וועלן מיר זיך דאָ קיינמאָל נישט פילן.
מיר וועלן פרעמד דאָ זיין שוין ביזן טויט אַריין.

מיר זענען גאָרנישט מער, נישט וויכטיקער, נישט גרעסער,
פון אַלע די, וואָס פילן אָן די גאַסן,
וואָס וואוינען זיכערע אין אָט די פעסטע מויערן,
וואָס פרייען זיך מיט זייער וועלט, ווי קליינע קינדער...
און אפילו ווען זיי טרויערן,
איז זייער טרויער זוניקער פון אונזער פרייד.

יי זענען היימיש דאָ. ס'איז זייער וועלט און זייער לעבן.
און מיר געהערן נישט אַהער!
מיר האָבן דאָ פאַרבלאָנדזשעט פון אַן אַנדער וועלט — —
ווער ווייס פון וועלכער?

און אַפּילו ווען מיר פרייען זיך, איז דאָס אַ פרייד אַ פרעמדע
אַ פרייד, וואָס קוואַלט נישט פון דער אייג'נער זיכערקייט.

אייביק איז אין אונז דער אומרו
און אייביק ציט אונז ערגעץ צו אַן אַנדער וועלט, —
צו א ו נ ז ע ר וועלט, וואָס לייכט וואו אין אוניווערזום,
אין דער אומענדלעכקייט,
װאוהין ס'וועט קיינער קיינמאָל אונז נישט פירן...

III

וואַנדילינאַ וואַנדעליי

ערגעץ אויף אַ וועלט — אין רוים —
זאָגט עמיצער, ווי אין אַ טרוים,
זיין נאַכט־געבעט, מיט טיפן וויי:
„וואַנדילינאַ וואַנדעליי".

גייט אום אַ מענטש אויף אונזער ערד
און ס'האָט זיין האַרץ אַ קול דערהערט,
וואָס רוישט אין אים, ווי אַ געשריי:
„וואַנדילינאַ וואַנדעליי".

דער ערד־מענטש גיט צו זיך אַ מאַך:
וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ שפּראַך?
וואָס מיינען אָט די ווערטער צוויי —
„וואַנדילינאַ וואַנדעליי"?

ער זוכט אין ווערטער־בוך , מישט —
די ווערטער צוויי געפינט ער נישט.
טאָ וואו האָט ער גענומען זיי:
„וואַנדילינאַ וואַנדעליי?"

נאָר יעדעס מאָל, ווען ס'ווערט אים באַנג
און די נשמה פלאַטערט קראַנק,
באַוועגט זיין מויל מיט טיפן ווי:
„וואַנדילינאַ וואַנדעליי!"

און מענטשן הערן שטיל זיך צו —
קומט-אָן אויף זיי אַ ווייטע רו,
און ליפן מורמלען ווערטער צווי:
„וואַנדילינאַ וואַנדעליי!"

IV

דאָס מענטשל קאַליטער

הויך־הויך, אויפֿן שטערן יופּיטער,
זיצט איינזאַם דאָס מענטשל קאַליטער.
ער פּיפּקעט אַ פּיפּקע אַ לאַנגע
און קוקט מיט די אויגן די באַנגע.

ער פּיפּקעט און קרייזלט די רויכן
צו נידערן, ווייטן און הויכן —
און ס׳צוקן פֿאַרבענקט זיינע ברעמען.
ער בענקט און ער ווייס נישט — נאָך וועמען.

עס ווייס נישט דאָס מענטשל קאַליטער,
וואָס וואוינט אויפֿן שטערן יופּיטער,
אַז ס׳ציט אים צו פֿריילייַן יולאַנוס,
וואָס וואוינט אויפֿן שטערן אוראַנוס.

ער פּיפּקעט די פּיפּקע די לאַנגע
און ציילט מיט די אויגן די באַנגע

די שטערן — פֿאַרבענקט און פֿאַרוואונדערט:
נישט איינס און נישט דריי און נישט הונדערט.

נאָר... ווען ער דערזעט דעם אוראַנוס,
וואו ס׳בענקט נאָך אים פֿרײַליין יולאַנוס —
באַלד צוקן אַזוי זיינע ברעמען.
ער בענקט און ער ווייס נישט נאָך וועמען...

האַרבסט איז קינסט, ער־קאַפּיי

פון ווייטן שוין האָט מיר דער האַרבסט
אַ וויי געטון אין פּנים —
מיט אַזוי פיל טרויער!
מיט אַזוי פיל טרויער!

אויף דער וועראַנדע ביי דער טיר פון דעם קאַפּיי־הויז
האָט דער האַרבסט געוויינט,
געוויינט אין זיך אַריין,
און רגעווייז אַרויסגעקלאָגט אַ ווינט,
אַ קליינעם, שוואַכן ווינט,
אַן עלנטן, פאַרוויינטן ווינט.

די טישלעך, נאַקעטע, אָן טישטעכער, פאַרלאָזענע,
האָבן אַזוי טרויעריק געקוקט.
זיי צופוסן האָבן שטולן זיך געוואַלגערט
אויף דער ערד,
ווי אבלים.
און דריי דינע, יונגע ביימלעך
האָבן זיך געשאָקלט איבער זיי,
ווי זיי וואָלטן פרום געדאַוונט.

דער האַרבסט האָט מיך אַרייַנבאַגלייט
אין דער קאַפּיי אַריין.

און אין קאַפּיי האָט ווייך דער האַרבסט געוויזט
פֿון פּנימער און אויגן.
די קנייטשן אויף די פּנימער פֿון אַלטע קינסטלער,
דיכטער און אַקטיאָרן,
זענען טיפֿער הייַנט געוואָרן,
ליידנפֿולער נאָך געוואָרן!

האַרבסטיק-שטילע האָבן טייל געמישט
די קאַווע אָדער טיי.
און ווייכער, שטילער און פֿאַרטראַכטער
האָבן לעפֿל, גאָפּל, מעסער
מיט אַזוי פֿיל צער געקלונגען,
מיט אַזוי פֿיל צער דערציילט, דערציילט,
וואָס קיינער קאָן מיט ווערטער נישט דערציילן.

אין ווינקל האָט אַן אַלטער דיכטער
אַרייַנגעברומט אין פּויסט אַריין אַ ניגון.
און אַלע אויגן האָבן זיך געריסן צו דער טיר,
צום האַרבסט אויף דער וועראַנדע,
צום וואַרטנדיקן האַרבסט בייַם שוועל.

אונטער אַלע פריידן

אונטער אַלע פריידן — אומעט.
אויפן דעק פון אַלע הערצער — אומעט.
אומעט אויפן דנאָ פון אַלע בעכערס.
אומעט ווײַזט פון דופּטנדיקע פּעכערס.

אויף די סטרונעס פון די פידלען — אומעט.
אומעט אויף די ציטערדיקע ליפּן.
אומעט אויף דער פּיאַנאָס צייניקע קלאַווישן.
אומעט אויף די יום־טובדיקע טישן.

מען דאַרף נאָר וואו אַ זונג טון, צי אַ שפּיל טון,
מען דאַרף, נאָר נעמען בלעטערן אַ ביכל — —
און ס'נעמט דער אומעט ווייגען שטיל דורך אַלע הויטן
אויף די פאַרגאַנגענע און קומענדיקע טויטן.

אַ ברכה

אַלדינג, וואָס טראָגט אונז אַוועק
פון דער גראָער, ליידנפולערווירקלעכקייט,
צי דאָס איז בעטהאָוונס אַ סימפּאָניע,
צי ביליקער שנאַפּס אָדער אָפּיום —
זאָל זיין געבענטשט!

אַלדינג, וואָס מאַכט אונז פאַרגעסן
באָטש אויף מינוטן דאָס אומגליק פון לעבן
און וועבט פאַר אונז אויס אַ חלום,
אַ פילפאַרביקע אילוזיע —
זאָל זיין געבענטשט!

נירוואַנאַ

ביסט דאָ און ביסט נישטאָ
אין אייביקן פאַרגיין.
ביסט אויסגעטון פון וועלט און זיין
און פון דעם אייגענעם געביין.
דאָס לעבן רוישט פאַרביי
און רירט דיך מער נישט אָן.
דו ביסט אין שטורעם פון דער וועלט
אַ שטיל־נישט־פלאַטערדיקע פאָן...

בלינדע

בלינדע גייען אַרום אויף דער וועלט
און זיי וועקן
מיט איטלעכן קלאַפּ פונם שטעקן
די כּחות די בלינדע פון דר'ערד
און זיי זען
ווי פון בלינדעניש ווערט
פילפאַרביקע ליכט — —
אַזאַ וואונדערלעך שפּיל
אַזאַ העל־אונטעראירדיש געשען,
וואָס ס'קאָן דאָס קיין זעענדיק אויג נישט דערזען.

שטומע גייען אַרום אויף דער וועלט
און זיי שווייגן
אין פּילדער פון פאַלן און שטייגן,
פון קולות, פון עכאָס, פון יובל געשרייען
און ווייען —
און זיי הערן
דאָס אייביקע ווערן נישט ווערן
און טראָגן אין האַרצן טיף ווערטער און תּפלות,
באַגערן,
וואָס קיינער וועט קיינמאָל נישט זאָגן, נישט הערן.

דער טרויער פון וויאַנען

דער בוים בליט אויף צוריק. דאָס פעלד דערוואַכט אויפסניי
אין וואונדערלעכע פאַרבן:
נאָר אונזער יוגנט קערט זיך קיינמאָל נישט צוריק —
און ס'בליט נישט אויף פון וויסטער ערד
דער טויטער שאַרבן.

עס ווייטיקט דער געדאַנק אין מיר ביים אָנבליק פון דער
שיינער יונגער פרוי,
ביים אָנבליק פון דעם שטאַרקן יוגנטלעכן מאַן,
אַז אָט די שיינקייט און די שטאַרקייט וועט פאַרוועלקן, ווערן אַשיק־גרוי,
פאַרבליען, ווי אַן עלנטער טולפּאַן.

אַ יונגפרוי — אין איר פרילינג־רייץ — האָט מיר געזאָגט אַזוי:
הלואי וואָלט איך געהאַט אַ קערפּער הויקערדיק און קרום.
איך וואָלט באַוויינען נישט באַוויינט דעם וואָרעם, וועלכער קריכט
און פּויזעט אינם אויפבליי שוין אַרום
און ברענגט מיט זיך דאָס אומרחמנותדיקע וויאַנען —

און איך האָב זי פאַרשטאַנען.

אין אונטערערדישער באַן

אפשר האָבן זיך הימלען צועפנט,
גאָטס ליכטיק געזיכט צו די מענטשן געקערט —
אַצונד, בעת איך טראָג זיך דורך חושך-טונעלן
אין באַן, אונטער דר׳ערד.

אפשר האָט איטלעכע שיין זיך פאַרלאָשן,
און ס׳וואַלגערן זונען זיך פינסטער, צושטערט —
אַצונד, בעת איך טראָג זיך מיט אימפעט-געאייל
אין באַן אונטער דר׳ערד.

...נאַר דו, ס׳האָט גאָרנישט, גאָר-גאָרנישט געטראָפן.
עס איז און עס איז נישט. עס ווערט נישט און ווערט —
טראָג רואיק דיין האַרץ אינם אימפעט דורך חושך,
אין באַן אונטער דר׳ערד...

ווי מעוון

ווי מעוון איבער די האַפנס
פלאַטערן ווייסע חלומות
איבער מיין לעבן.
די שיף דערנענטערט זיך צום האַפן.
ווער וועט מיך דערוואַרטן?

ווי מעוון איבער די האַפנס
פלאַטערן מיינע שעהן
איבער מיר, באַפרייטע.
די שיף דערנענטערט זיך צום האַפן
פון לאַנד אָן טעג, אָן שעהן.

טאָ

פון טויזנט וועגן מיד, פון טויזנט וועגן ווינט.
פון טויזנט ליכט און טויזנט פינסטערנישן בלינד,
האָב איך זיך אויף דיין וועג פאַרנומען, לאַאָ־טצע.

כ׳בין בלינדערהייט אַריין אין ריי — צום טאַאָ־וועג —
געטריבן פון מיין בלינדן דראַנג. און נישט איך פרעג
צי ווייט, צי נאָענט — דיין וואָרט, אַ מעווע, פלאַטערט ווייס.

עס מוז דאָך ערגעץ זיין אַ ברעג אַזאַ, אַ ציל,
וואו ס׳האַרץ קריגט רו און אַלע צווייפלען ווערן שטיל.
עס מוז דאָך ערגעץ זיין. עס מוז דאָך ערגעץ זיין.

איך טרעט די לעצטע טריט אין זאַמד פון פרעמדן וועג.
עס קלאַפּט מיין האַרץ אין טיר פון אומבאַקאַנטן ברעג.
די לעצטע האָפנונג איז מיין לעצטע לעבנס־פּאָן.

איך גיי. און כ׳קער זיך שוין פון טאַאָ־וועג נישט אום.
געפין איך נישט קיין רו — איך וואַרף זיך בלינד און שטום
אויף דר׳ערד. און ליג, ביז איך פאַרוואַנדל זיך אין שטויב.

דו ביסט דאָ

נישט פרעגן, נישט טענהן,
נישט גריבלען זיך גאָר —
נאָר אָטעמען, לאַכן, זיך פרייען
און פילן דעם טוי אויף די האָר
און פילן פון ווינטן דאָס ווייען
און וויסן: דו ביסט אין דער וועלט
און שפירן: די וועלט איז אין דיר
און וויסן, אַז דיין איז די שעה —
און אַז דו ביסט דאָ,
דו ביסט דאָ.

דו ביסט דאָ, דו ביסט דאָ, דו ביסט דאָ,
אַזוי־ווי דער בוים איז פאַראַן,
אַזוי־ווי דער ים איז פאַראַן;
אַזוי־ווי די וועלט איז פאַראַן;
און זיכער — דיין איטלעכער שפאַן,
מעג ער פירן צום סוף פון די טעג,
צו דעם ברעג פון דעם ברעג —
דו ביסט דאָ, דו ביסט דאָ, דו ביסט דאָ
און דיינע איז איטלעכע שעה.

קרעאַטור

איך — אַ צופֿאַל פֿון איין תּאוהדיקער רגע,
צי אַ מוז — — —
פֿאָרויסבאַשטימט, פֿאָרויסגעזען
אין ערשטן אָנהייב פֿון דער וועלט-באַשאַפֿונג?
איך בין דאַ, מיט אַלע מיינע חושים אינם זיין,
אין דעם אייביקן, אין דעם אומענדלעכן —
און איך באַגרייף מיין גאַנצע וויכטיקייט-אומוויכטיקייט,
אַלמעכטיקייט-אוממעכטיקייט.

די ימען האַלטן פֿעסט זיך אין די בּרעגן.
די ריזנבערגער שטייען אומבאַוועגלעך.
די דעמבעס זיצן מיט די וואָרצלען פֿעסט אין דר'ערד — — —
און איך, וואָס יעדע כוואַליע קאָן זיך מיט מיר שפּילן,
ווי מיט די בּרעקלעך שפּיין-שריים פֿון די שיפֿן,
וואָס יעדער פֿייער-באַרג קאָן מיך צום טויט פֿאַרשפּייען,
וואָס יעדער בּוים קאָן ווי אַ וואָרעם מיך צעדריקן —
איך טראָג אָן אויפֿהער זיך אומרויק איבּער גאָר דער ערד —
די ערד וואָס טראָגט מיט מיר זיך אינם קאָסמאָס —
איך קלעטער אויף די בּערג, צעגראָב זיי און באַדעק זיי
מיט אַ נעץ פֿון רעלסן,

שיף זיך איבער אַלע ימען, פון איין עק וועלט צום צווייטן
און שפּיי אויף זייערע מעכטיק־שטורמדיקע כוואַליעס
און די שטאָלצע כוואַליעס מוזן אונטערטעניק
ס׳שפּייעכץ טראָגן,
אַריינעמען עס אין זיך, ווי אַ חשובדיקן עלעמענט...
און איך האַק אַרויס די דעמבעס
און זיי פאַלן פאַר מיר, איינער נאָכן צווייטן,
איינער נאָכן צווייטן, ווי באַזיגטע לעגענדאַרע ריזן...

נאָר — די ימען און די ריזנבערגער און די שטאָלצע דעמבעס
און די הימלען,
וווהין איך דרינג אַריין מיט יובל און טריומף־ליד
און אַלע כּוחות, סטיכיעס
פון אַלמעכטיקן באַשאַף
וואָס איך האָב איינגעשפּאַנט, צעשניטן און באַליידיקט —
שרייען נאָך נקמה,
נקמה אָן דעם מענטש פון בלוט און פלייש,
וואָס פאַרנעמט אַ שפּאַן אין דער אומענדלעכקייט...

די ימען טראָגן טראָציק־פריידיק מיינע פליטעס,
פליטעס פון די תבֿות־שיפן, ים־טיטאַנען
און די טויט־פאַרשווענקטע גופים פון די מיינינקע
פיל טויזנטער;
די ווינטן, ווילד פון צאָרן, לויפן אויף דער וועלט אַרום
און זוכן מענטשישע ישובֿים

צו צעשמעטערן.

דאָס פייער לויערט אין באַהעלטענישן פון דער ערד און בערג
און אין די ווענט פון מיינע הייזער — — —
און זיי וואַרטן!
און זיי וואַרטן!

און קומען וועט אַ טאָג,
ווען אַלע כּוחות, אַלע עלעמענטן פון נאַטור
וועלן אויפשטיין קעגן מיר,
דעם מענטש פון בלוט און פלייש —
אַלע כּוחות, אַלע עלעמענטן קייגן מיר
און איך, וואָס איך פאַרנעם נאָר בלויז אַ שפּאַן
אין דער אומענדלעכקייט —
אַנטקייגן זיי!

די ימען וועלן אַרויס פון זייערע ברעגן,
די פייערן וועלן אַרויסזעצן פון ערד און בערג און אַלע ווענט;
די בערג און דעמבעס וועלן זיך מיט אימפּעט און געברום
אַ לאָז טון און אַ שליידער טון אויף מיר

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און ווער וועט טריומפירנדיק אַרויס אין יענעם טאָג —
איך, דער מענטש פון בלוט און פלייש.
אָדער די נאַטור?

כ׳וועל דערוואַכן...

כ׳וועל דערוואַכן אַמאָל
און דערזען,
אַז אַלץ איז אַ חלום געווען,
אַ חלום געווען,
אַ חלום, אַ חלום, אַ חלום.

אַ חלום, אַ חלום
מיין אייגן געשטאַלט
און כ׳בין גאָר אַ בוים אין אַ וואַלד,
אַן איינזאַמער
בוים אין אַ וואַלד.

און אפשר אַן אָדלער
אויף אַ פעלזן־באַרג ווו,
וואָס זוכט אין די הויכקייטן רו — — —
אַן אָדלער, אַן אָדלער
אין הויכקייטן ווו...

און אפשר אַ כּוח
אָן גוף, אָן געשטאַלט,

אָ סטיכיע אַ בלינדע,
וואָס קומט און באַפֿאַלט –
און שלאָפֿט דערנאָך איין.

כ׳וועל דערוואַכן אַמאָל
און דערזען,
אַז אַלץ, וואָס געשען און געזען – – –
איז נישטאָ, איז נישטאָ, איז נישטאָ,
איז אַ חלום געווען.

אין האַרבסט

די וווּנדערלעכסטע צייט אין יאָר — דער האַרבסט,
אַן אָנגעגנעמע קעלט נעמט־דורך די ביינער,
אַ גוטער, שטילער טרויער הויכט־אָן די נשמה
און גוט איז דיר אַזוי אין טרויער,
איינגעגנורעט אינם רעגנמאַנטל,
צו גיין גאַס־איין, גאַס־אויס
מיט טריט געמאָסטענע
און טרעטן אויף די הויפנס געלע בלעטער.

אַ רעגן טריפט.
לאַנגזאַם, טראָפּנווייז, קאַפּ־קאַפּ,
צום ריטם פון די טראַכטענישן דיינע,
צו די קהלתדיקע טראַכטענישן דיינע —
און ס׳אַרט דיך נישט, וואָס אַלץ פאַרגייט,
פאַרבלייכט פאַרבליט
און דער טויט וואָס איז אומפאַרמיידלעך, — — —
עס איז דיר גוט אַזוי אין האַרבסטיק־שטילן טרויער
און פרידן איז אין דיין נשמה.

די וווּנדערלעכסטע צייט אין יאָר — דער האַרבסט,

דיין טרויער איז דער טרויער פון די ביימער,
דער טרויער פון דער ערד און הימל
און פון די פייגל — — —
פאַר אַלעמען איין טרויער,
איין גוטער, שטילער, מילדער טרויער.
דו זעסט אים אין די אויגן פונם בעטלער,
דו הערסט אים אין דעם קול פון הענדלער
און פון די צייטונגס-ייִנגלעך,
דו זעסט אים אין די פייערלעך,
וואָס צינדן זיך אין אומעטיקע פענצטער.

אומעטיקע אויגן קוקן דורך די פענצטער
אין דער גאַס דער האַרבסטיקער אַריין.
אַ קרעמער פויקט זיך מיט די פינגער
אויפן שויב פון טיר זיין טרויער אויס.
דו שטעלסט זיך אָפּ און הערסט זיך צו אַ ווייל
און שפּאַנסט דאַן ווייטער ציללאָז אין דער וועלט אַריין
און ציטערסט פון דער דינער, אָנגענעמער קעלט.

און אַז ס'איז נישט אמת

און אַז ס'איז נישט אמת,
אָט דאָס, וואָס מיר זעען און הערן,
איז וואָס?
געבענטשט זאָלן ווערן
די רייצנדע, טויזנט פילפאַרביקע ליגנס,
וואָס טרינקען דאָס אויג אָן מיט חלום, מיט רוים און געזאַנגען,
וואָס שפרייטן אין אונז האָריזאָנטן
און גלוסטונגען — ברענענדע שלאַנגען.

און אַז מיר אַליין זענען ליגן,
מיט נערוון און אָדערן — ליגן,
איז וואָס?
אַבי אונזער אויג זעט און ס'הערט אונזער אויער
און ס'לאָקן אונז וואונדער דורך טיר און דורך טויער — — —
און ווערן מיר שכור און מיד און געבויגן
פון וואונדער און ליגנס — פאַרמאַכט אונז די אויגן
דער טויט, דער דערלייזער — די שכורע אויגן...

די קליינע מימי

כ׳האָב די קליינע מימין קיינמאָל נישט געקענט,
נאָר דורך די דיקע, אומעטיקע ווענט,
וואָס האָבן אָפּגעטיילט מיך פון מיין שכנס הויז,
האָב איך געהערט איר נאָמען בלויז
פון טאַטע-מאַמע און פון געסט,
וואָס האָבן זי גערופן, זיך מיט איר געשפּילט —
און די פרייד פון שכנס וואַרעם-ליבער נעסט
האָט אויך מיין צימער אָנגעפילט.

און הערן פלעג איך יעדן אינדערפרי
די קליינע מימין זינגען, פליעסקען מיט די הענט
און איר געלעכטער, פריי פון זאָרג און מי,
האָט זיך געריסן דורך די דיקע, אומעטיקע ווענט
און אַלץ האָט מיטגעלאַכט מיט איר,
געזונגען מיט איר ליד —
די ווענט, די בילדער אויף די ווענט און מיין געמיט,
און כ׳האָב געזען די קליינע מימין דורך די ווענט...

נאָר איינמאָל, אין אַ זומערדיק פאַרנאַכט
ווען מימי האָט מיט קינדער זיך געשפּילט אין גאַס,

געטאַנצט, געזונגען און געלאַכט
צום ריטם אין אַ פּויקן פון אַ לײדיק פאַס,
האָט פּלוצים זיך דערהערט אַ ווילד געשריי,
מיט שרעק האָט זיך צעברילט אַן אויטאָמאָביל —
און מיטאַמאָל איז אַלץ געוואָרן שטיל...
די זון אין מערב האָט צעלאַכט זיך רויט
און כ׳האָב געוווסט, אַז מימי איז שוין טויט,
די קלײנע מימי — טויט.

און איצטער ווײנען מײנע ווענט.

פייער

די וועלט האָט זיך אָנגעצונדן,
עס שפּאַרן פלאַמען
פון אַלע בערג און טאָלן,
פון אַלע הימלען, היילן, אָפּגרונטן
און ימען.
און מיר טאַנצן אין דעם פלאַקער,
אין דער גרויסער שׂרפה.

רויטע, פלאַקערדיקע הייזער,
רויטע, פלאַקערדיקע גאַסן,
מיט פלאַקערדיקן וואַלד פון אַלע זייטן,
הויבן זיך, דערהויבן זיך אין פייער;
און די פלאַמען שפּרייטן זיך, פאַרשפּרייטן,
שלינגען און פאַרשלינגען
און די פלאַמען זינגען,
זינגען...

די קליידער זענען שוין אויף אונז פאַרברענט,
מיר זענען שוין אַליין געוואָרן שטיקער פלאַקער,
מיר שטרעקן צו די הימלען פלאַקערדיקע הענט

און מיר טאַנצן ברענענדיקע אויף דער ברענענדיקער ערד
פאַרן פלאַקערדיקן הימל,
פאַרן פלאַקערדיקן גאָט.
פייער, פייער, פייער —
אַלץ איז פייער!

אונזער לייב איז פייער
און די נשמה פייער
און דאָס רויטע בלוט אין אונז —
איז פליסנדיקער פלאַם;
מיר זענען שוין אַליין דער פלאַם, וואָס צינדט,
דער פייערדיקער ים, וואָס רוישט און פלייצט איבער זיינע ברעגן
זינגענדיק און בלינד.

און מיר זענען שוין נישט מער אויך — מיר.
מיר זענען פייערדיקער ים
און ס'איז דער ענדלאָז-פייערדיקער ים — אַלץ-אַלץ,
ר'איז מענטש און גאָט
און פעלד און שטאָט,
נשמה און סובסטאַנץ —
און אַלצדינג איז איין רויטער, פלאַקערדיקער טאַנץ,
איין פייערדיקער ים מיט פיל-מיליאָנען הענט,
וואָס ברענט און ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט.

מיין וועלט

די וועלט איז צעפאַלן אין מיר —
ליגט זי צעשאָטן, פאַנאַנדערגעוואָרפן,
אָן סדר, אָן תכלית — כאַאָטישער אומזין,
אַ ווילדער געמיש פון יסודות און בראָכוואַרג,
פון ווילד־פריי געלאָזענע כּוחות,
וואָס דרייען און ווירבלען אין מיר זיך משוגע — — —
קוקט אַרויס אַ צעחרובטע וועלט פון די אויגן פון מיינע,
רעדט אַ וויסט־איינגעפאַלענע וועלט דורך מיין מויל,
זענען די רייד מיינע ווילדער געמיש,
זענען די טוונגען מיינע — אַ קייט ווידערשפּרוכן.

נאָר שיין איז מיין חרובע וועלט,
וואַנזיניק־שיין — און איך פריי זיך מיט איר!
שיין איז מיין חרובע וועלט—און איך האָב זי ליב!
איך שפּיל זיך מיט איר און איך בין איר אַ גאָט,
דער גאָט פון מיין אייגענעם חורבן
דער גאָט פון רויִגען און אומזין,
דער גאָט פון דעם צער איבער חורבות
דער גאָט פון דער פרייד איבער חורבות —
מיין וועלט, מיין אייגענע חורבות
מיין אייגענע הייליקע חורבות!

מיין חבר

דער טאָג טרעט־אָפּ אַהינטערן שטאָט,
די זון שטאַרבט פייערדיק און גרויס;
און אין דעם ציכטיק־ווייסן בעט
גייט מיין חבר לאַנגזאַם אויס.

דאָס זונבלוט אויף די שויבן בלייכט,
מיין חברס פנים ווערט וואַקסיק־געל;
אויפן קאָלדרע ציטערט אַ בלייכע האַנט
און דורך דער בלייכער האַנט — זיין זעל.

דער אָוונט שטייט אונטערן פענצטער שוין,
דער זייגער שלאָגט אַ לעצטע שעה;
איך זיץ אין פינסטערן צימער אַליין — —
מיין חבר איז שוין דאָ נישטאָ.

מיט אייך

1

איך בין דאָך איטלעכער פון אייך,
ווי איטלעכער פון אייך איז איך;
און אייביק־אייביק, ביזן לעצטן טויט,
וועל איך — דער איינער — צוגעבונדן זיין צו אייך,
ווי צוגעבונדן כ׳בין צו זיך...

און ווי ס׳קאָן קיינער נישט אַוועק,
אַנטרינען פון דעם אייגענעם געביין —
אַזוי קאָן איך פון אייך און אייער זיין,
פון אייך און אייער דינסטן־מינדסטן פיין
נישט אויסטון זיך — און זיין אַליין.

2

איך האָב זיך אין דער איינזאַמקייט פאַרמאַכט
און ווי דערלייזט גענורעט זיך אין זיך;
נאָר אייער האַנט האָט מיך אַהין דערגרייכט
און אויפגעוועקט דאָס פינסטערע געשריי

פון פיל מיליאָנען איכן אין מיין איך.
אַ קללה האָט זיך אין מיין ברוסט געקנוילט
אויף אייער האַנט, וואָס ברענגט מיר וויי און שאַנד,
וואָס ברענגט מיר אומרו אין מיין שטילער וועלט,
נאָר שעלטן האָב איך נישט די האַנט געקענט —
ווייל אייער האַנט איז מיינע אויך — מיין האַנט!

3

איך שטאַרב מיט איטלעכן פון אייך,
טאָג־איין, טאָג־אויס מיט איטלעכן פון אייך, — —
מיט טויטן מיט מיליאָנען איז מיין לעבן רייך
און מיט מיליאָנען לעבנס זעטיקט זיך מיין טויט.

4

איך בין דאָך איטלעכער פון אייך
און אַלע זענען מיר די גרויסע וועלט,
דאָס פייער און דער ים, דער מדבר און דאָס פעלד,
דער כּוח וואָס באַשאַפט, דער כּוח, וואָס צעשטערט —
דער הימל און די ערד.

עס שטאַרבט די וועלט מיט איטלעכן פון אונז,
טאָג־איין, טאָג־אויס מיט אונזער יעדן טויט;
און מיר — מיר שטאַרבן מיט דער גרויסער וועלט,
מיט יעדן בוים אין וואַלד, מיט יעדער זאַנג אין פעלד —
איין לעבן און איין טויט...

אין גראָז...

כ׳וועל ליגן שטיל אַזוי אין גראָז
און שווייגן
און הערן ווי עס יאָגן זיך די ווינטן
דורך די בלעטערדיקע צווייגן.
און הערן ווי עס פאַלן איבער מיר
די בליצן — —
און דער, וואָס שיצט דעם בוים צוקאָפּנס מיר,
דער זאָל מיר אויך באַשיצן.

כ׳בין הפקר, הפקר, פריי פאַר אַלע
בלינדע קרעפטן — —
און זאָלן מיך די רעגנס וואַשן
און דיביימער איבער מיר
זיך פריי באַהעפטן.
כ׳בין צוגעוואַקסן צו דער ערד.
און ווי דער בוים וועט זי מיך אויך דערנערן —
און וואָס ס׳וועט ווערן מיטן גאַנצן וואַלד,
דאָס זאָל מיט מיר אויך ווערן.

אומגעריכט

אַלץ איז אַזוי אומגעריכט — — —
אין אומבאַקאַנטן נאַכט־פאַרהילטן וועג אַ ליכט,
אין פרעמדן מענטשן־שטראָם פון שטאָט
אַ פריי־טלעך־גרייסנדיק געזיכט.
אַ שטילער, ציטערדיקער קלאַפּ אין טיר,
אַ בריוו פון איר — — —
ווי אומגעריכט, ווי אומגעריכט.

אַלץ איז אַזוי אומגעריכט — — —
ס'קאָן יעדע רגע עפּעס ברענגען אומגעריכט
דאָס אומגעריכטע וואַרט אויף יעדן וועג,
אין אַלע נעכט אין אַלע טעג — — —
אַמאָל אין פורפורדיקן פריידן־רויט,
אַמאָל אין גרויס פון טויט,
פון דיין באַליבטנס טויט.

אַלץ איז אַזוי אומגעריכט — — —
און אַן אומגעריכטער ביסטו פאַר דער וועלט;
גייסט פלוצים אויף און דו פאַרגייסט, פאַרגייסט,
אַזוי ווי אויפן וועג אַ ליכט,
אַזוי ווי שוים־פייערלעך אין פעלד — — —
און אומגעריכט גייט אויף פאַר דיר אַ נייע וועלט.

חורבן

דער חורבן וואַקסט, ווי זאַנגען אויף די פריי־באַזונטע פעלדער,
ווי די דעמבעס אין די וועלדער,
ווי די ווילד־געוויקסן אין די ווילדעניש,
ברייטער, קרעפטיקער און גרעסער;
און נאָך נישט צייטיק איז דער חורבן
פאַרן מעסער,
וואָס וועט אים שניידן, שניידן, אונטערשניידן,

דערווייל פאַרזייען מיר נאָר חורבן
און מיר שאַפן חורבן
און אַלע שטעט און הייזער זענען חורבן
און מיר אַלע זענען חורבן.

דער חורבן בליט אין טויזנטערליי פאַרבן,
אין טויזנטערליי וואונדער.
און גאָר דאָס זונליכט און געלעכטער און געזאַנג
איז פאַרן חורבן אַ געטראַנק,
אַ וווּיל־געטראַנק —
און דאָס וואונדערלעכע אויפגיין און דאָס וואונדערלעכע שטאַרבן
נערט די וואָרצלען זיינע און מאַכט רויטער, רויטער, רויטער

דאָס בלוט אין זיינע אָדערן,
די אָדערן פון חורבן.
דער חורבן ציט זיך צו די הימלען העכער, העכער, העכער,
שפּאַרט אַריין זיך אין די הימלען, אין די זונען;
און טיפער, טיפער שלאָגט ער זיינע וואָרצלען אין דער ערד,
אין אונזער פלייש אַריין, אין אונזער מאַרך אַריין — — —
און ווי פון אַן ענדלאָז, ברעגלאָז, גרונטלאָז ברונען
קוואַלט פון אים מיט בלוט און ליכט,
מיט פרייד און טויט.

און אויפגיין וועט אַמאָל
דער חורבן אין זיין פולער רייפקייט
אין זיין פולער שיינקייט.

װעלטן

די װעלט איז אַזױ קראַנק װי מיר,
אַזאַ הילפֿלאָזע װי מיר —
און זי לײַדט מיט אונדז צוזאַמען.

עס שרעקן אירע װעלדער זיך צו גאָט
מיט געבעט און צער
און ס׳רופֿן צו די הימלען אירע ימען.

אַלע װעלטן זענען קראַנק און הילפֿלאָז
װי מיר, װי איטלעכער פֿון אונדז
אין דעם אײביקן פֿאַרגײן און װערן.

און בײנאַכט, װען טיפֿער, שװערער
װערט יעדנס שרעק און עלנט
װײנען, װי די קינדער, אַלע שטערן.

דו ליגנער, דו

דו ליגנער, דו!
דערצייל אונז דיינע ווונדערלעכע ליגנס,
די נישט־געשטויגענע און נישט געפלויגענע
מעשיות דיינע!

פיר אָן אָפּשטעל אונז
אין דיינע אויסגעטראַכטע וועלטן,
אין דיינע ווונדערלעכע וועלטן,
וווּ אַלץ איז אַנדערשטיק אַזוי,
וווּ ס׳זענען נישט קיין גרענעצן פאַראַן
צווישן מעגלעכקייט־אוממעגלעכקייט.

לייג פאַר אונז פאַנאַנדער
דיין ווונדערלעך פאַנטאַסטישן פאַרמעג
און לאָז אונז אַריינאָטעמען אין זיך
דעם גאָלד־שטויב פון דיין ליגנערישן רייך.

דו ליגנער, דו!
מיר וועלן גערן גלויבן דיינע אויסגעטראַכטע מעשיות,
ווי קליינע קינדער גלויבן,
גלויבן מיט די אויגן און די אויערן,

גלויבן מיט דער נאָך פאַרבליבענער,
פאַרבאָרגענער נאַיווער קינדישקייט אין אונז.

דו ליגנער, דו!
מיר וועלן דיר נאָכגיין טריט-ביי-טריט
אין דיינע היילן און פּאַלאַצן,
שפּאַצירן גליקלעכע מיט דיר צוזאַמען
אין דיינע אויסגעטראַכטע קעניגרייכן
און שלאָגן זיך אין די מלחמות
מיט פאַנטאַסטישע גיגאַנטן
און שיפן זיך אויף דיינע ימען
צו די געהיימניספולע אינזלען...

דו ליגנער, דו!
מיר קומען מיד צו דיר פון אַלע זיבן וועגן,
מיטן גראָען שטויב פון אַלע אמתן — אַנטוישטע,
און בענטשן קומען מיר די וווּנדער-שיינע ליגנס,
די פילפאַרביקע, די אייביקע,
באַגליקנדע און באַפרייענדיקע ליגנס.

דו ליגנער, דו!
זיי אונזער פירער דורך די גראָע טעג פון לעבן.
גיב אונז אויסגעטראַכטן הימל, אויסגעטראַכטע זונען,
אויסגעטראַכטע העלדנטאַטן
אויסגעטראַכטע שיינקייט, אייביקייט און גליק.

דו ליגנער, דו!

קינדער

לאָמיר אויפהערן שפּילן אַ ווייל
דאָס נאַרישע שפּיל פון דערוואַקסענע לייט,
פון ערנסטע מידע, פאַרהאַוועטע לייט,
מיר זענען דאָך קינדער,
קינדער, קינדער,
פריילעכע, זאָרגלאָזע,
הילפלאָזע קינדער.

לאָמיר זיך אָפּרוען, ענדלעך פון שפּיל,
וואָס מיר שפּילן אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
נו, קינדער מיט שטערנס געקנייטשטע,
קינדער מיט מאַט־קאַלטע אויגן,
קינדער מיט גראָ־ווייסע האָר –
לאָמיר זיך נעמען אַזוי ביי די הענט,
אַזוי ביי די הענט!
און נאָכאַמאָל טאַנצן דעם זאָרגלאָזן טאַנץ
און נאָכאַמאָל באָרוועסע שפּרינגען אין גאַס,
נאָכאַמאָל,
נאָכאַמאָל –
קינדער!

מיר זענען דאָך קינדער אין ערנסטן שפּיל,
פֿאַרגעסן די קינדהייט אין ערנסטן שפּיל.
פֿאַרשפּילט זיך, פֿאַרשפּילט זיך אַזוי!
גענוג שוין! דער טאַטע איז איצטער נישטאָ.
די מאַמע נישטאָ.
ס'איז מער קיינער נישטאָ...
טוט אויס אַלע קנייטשן,
די קאַמישע בערד,
די שווער-גראָע רייד
און דעם צער, וואָס פֿאַרצערט,
און לאָמיר צוריק ווערן קינדער,
אויף אייביק שוין קינדער — — —
קינדער!
קינדער.

פּנימער און אויגן

פּנימער און אויגן לעשן זיך אין אונז,
ווי שטערן אינם אָנקום פון דעם מאָרגן —
און גראָ און ליידיק ווערט אין אונז,
וויסט, אומענדלעך וויסט
און אויגן אַזוי פיל רייסן זיך אין לעצטער גסיסה
פון אונזער אינערלעכער גראָער וויסטקייט
און גייצן אויס.

נאָר נעמען, נעמען, נעמען בלייבן אַזוי פיל אין אונז,
אויסגעקריצט אויף דער געדעכעניש,
וואָס בלאָנדזשעט ווי אַ ווינט אויף אַלטע חורבות,
אין אונזער אינערלעכער וויסטעניש אַרום;
און מיר זענען פול מיט נעמען,
נעמען ליבע און פארהאַסטע —
און יעדער נאָמען האָט זיין אייגן קלאַנג.

דערמאָנט אַ נאָמען זיך —
לייכט אַ פּנים אויף און אויגן צוויי,
אין אָנהויב טויט, נאָר ביסלעכווייז צעשמייכלט זיך דאָס פּנים
און ס'ברענען אויף די אויגן

אין אַזאַ וויסטער־וויסטער ווייטקייט
און ס'רעדט צו אונז דאָס פּנים, ס'ריידן שטיל די אויגן
„דו האָסט אונז פון דער וויסטעניש גערופן —
און מיר זענען דאָ!"

און טרויעריק ווערט אונז אַזוי,
ווייל די, וואָס פעלן צווישן אונז,
זיי ליגן דאָך אין אונז פאַרשאָטן און באַגראָבן
און מיט פאַרשטיקטע קולות שרייען זיי פון אונז אַרויס;
און טיילמאָל קוקן זיי אַרויס, אָן־אויגיקע, אָן־פּנימדיקע —
דורך אונז'רע אויגן אין דער וועלט אַריין
און די מענטשעלעך אין אונז'רע אויגן גייען אין תּכריכים.

מיר לעשן זיך דאָך אויך שוין אויס אין פרעמדע אויגן.
אין טיפעניש פון די, וואָס רינגלען אונז אַרום,
איז אָנגעגרייט פאַר אונז אַ גראָע וויסטקייט,
וווּ אונזער פּנים און די אויגן אונזערע
וועלן אויסגיין, אויסגיין.
נאָר די נעמען אונזערע וועלן בלאָנדזשען, וואָגלען
דורך פרעמדע וויסטענישן.

פילגרימען

פילגרימען!
וווהין איר זאָלט נישט גיין —
צי גייט איר בויען נייע לענדער און קולטורן,
צי גייט איר קושן טויטן שטיין,
אונטער וועלכן ס'רוט אַ הייליקנס געביין —
זייט געבענטשט!
ווייל איז די, וואָס קאָנען איבערלאָזן זייערע היימען,
זייערע בית-עולמס און באַקאַנטע וועגן
און זיך איבער פרעמדע לענדער לאָזן,
צו אומבאַקאַנטע ברעגן —
הונגעריק און דאָרשטיק, אַלטע חורבות צו באַווייזען,
צו בויען נייע שטעט.

פילגרימען! אייער גייסט איז ווי דער אוצרו פון די ימען,
ווי דער מדבר-ווינט; — — —
ווייל איז די, וואָס קאָנען מיד אין מדבר-זאַמד זיך לייגן
און מיט אויגן, פון די מדבר-זאַמדן בלינד,
רויק אויסגיין, מיט אַ לויב צו גאָט.
זייט געבענטשט!

שפּיטאָלן און תפיסות

שפּיטאָלן און תפיסות —
טעמפּלען פון צער און יסורים,
צו אייך פירט מיין טראָט;
חו ס'ווערן נשמות געפּייניקט,
ווי ס'ראַנגלען זיך לעבנס,
צאַנקען, פאַרגייען —
איז גאָט,
אין דער אייביקער גאָט.

שפּיטאָלן און תפיסות —
אויף אייער ערד וועל איך פאַלן,
פאַר אייערע שוועלן וועל איך בעטן,
צוזאַמען מיט אַלע, וואָס ווערן געפּייניקט
אין אייערע ווענט — — —
איך שטרעק אויס צו אייערע שלעסער
מיינע פאַרבראָכענע הענט.
דערהער מיך, מיין גאָט!

איך וועל פאַרבייגיין
אַלע שיינע, גלאַררייכע שולן,

קירכן, מאָשעען — — —
און וועל קומען צו אייערע מויערן,
צו אייערע גראָע, צעווייטיקטע מויערן
און בײַ אייערע פענצטער טרויערן.
און גאָט, וואָס איז מיט אַלע געפאַנגענע,
קראַנקע,
וועט מיך דערזעען,
וועט מיך דערהערן.

שפּיטאָלן און תּפיסות —
מײַן האַרץ דערנענטערט זיך ליכטיק צו אייך...

אין רויך

1

קרייזלט זיך דער בלאָער, גראָער רויך,
דער גראָער, בלאָער, שלענגלדיקער רויך
פון פּאַפּיראָס — —
ווערט מיין שטוב אַ תוהו, אַ כאַאָס,
וואָס האָט נאָך נישט קיין נידער און קיין הויך,
קיין הימל און קיין אָפּגרונט און קיין קלאַנג;
און ס'שוועבט מיין שעפערישער גייסט אין תוהו און
און ס'שוועבט מיין שאַפנדער געדאַנק
און האָט זיך נישט ווו אָפּצושטעלן —
פוסט און וויסט אַרום...

און פון מיינע נאָזלעכער און מויל
שפּאַרט און שפּאַרט דער בלאָער, גראָער רויך,
וויקלט זיך אַ קרייז אין קרייז, אַ קנויל אין קנויל —
און עס פאָרמירט זיך אויס אַ נידער און אַ הויך
און אַ הימל אויך...
און וואָס עס פעלט מיר אין דער רגע איין
און וואָס נאָר איך פאַרטראַכט —

זאָג איך: עס זאָל זײַן!
און ס׳וועלט פֿון תּוהו־רויך אַרויסגעבראַכט.
זאָג איך: עס איז גוט! און דרימל אײַן...

2

גראָער, בלאָער פּאַפּיראָסן־רויך,
גראָער, בלאָער שעפּערישער רויך —
אין די שלענגלענדיקע רויך קרײַזלען זיך אַרײַן
מײַנע טראַכטונגען די שווערע — שלאָפֿן אײַן,
ווי די קינדער שלאָפֿן מײַנע זאָרגן אײַן
און צעגייען און צעגייען, ווי אַ דינער הויך
און פֿאַרשווינדן דורכן פֿענצטער אין נישט זײַן,
מיטן רויך, מיט די קרײַזלעך רויך...

גראָער, בלאָער פּאַפּיראָסן־רויך —
אין דעם גראָען, בלאָען, שעפּערישן רויך
ווערט פֿרײַ און נײַ און לײַכט מיר דאָס געמיט;
און מיט יעדן לײַכטן האַנט־באַוועג
גייט אַ שווערע זאָרג אַוועק, צערינט, פֿאַרפֿליט
און די שווערע לאַסט פֿון אַלע טעג
ווערט אַ קינדער־שפּיל, ווערט אַ שעפּער־שפּיל,
רויך און קינדער־שפּיל, רויך און שעפּער־שפּיל...

דאָס דאַמעלע אין טרויער

דאָס דאַמעלע אין טרויער
פלעג איך טרעפן יעדן מאָרגן אויף שפּאַציר;
צוויי טונקל גראָע אויגן
אין קליין בלאַס — קינדיש — פּנים
האָבן דורכן שוואַרצן, זיידענעם וואַל
טרויעריק־שמייכלענדיק געקוקט אויף מיר.

נאָך וועמען האָט דאָס דאַמעלע געטרויערט —
נאָך פאָטער? מוטער? מאַן? געליבטן?
מיר פלעגט זיך אָפּטמאָל דאַכטן,
אַז דאָס טרויערט זי אין מאָרגן
נאָך די פאַרשווונדענע חלומות מיינע
— און אַלעמענס — פון וויסטע נעכט.

און אַז איך האָב דאָס דאַמעלע דערזען
און לייכט פאַר איר דעם הוט געצויגן —
פלעג איך טראַכטן:
אָט אַזוי איז אויך מיין טרויער:
אַ שמייכלדיקער מיט צוויי טונקל־גראָע אויגן
און ער שפּאַצירט אין מאָרגן דורך די גאַסן.

דאָס דאַמפּעלע באַגעגן איך שוין לאַנג נישט.
נאָר יעדעס מאָל, אַז מיר איז טרויעריק,
צי ס'איז טרויעריק אויף דער וועלט —
דערזע איך זי, דאָס דאַמפּעלע אין טרויער,
און טיילמאָל טראַכט איך גאָר:
געחלומט האָט זיך מיר דאָס דאַמפּעלע אין טרויער.

ווערטער

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַלע ווערטער
פֿאַרלירן פּלוצים זייער אינהאַלט,
פֿאַרב און קלאַנג;
פֿרעמד, באַדייטונגסלאָז און זינלאָז
פֿאַלן ווערטער, ווערטער, ווערטער,
ס'איז יעדעס וואָרט אַ טויטע, וועלקע זאַנג.

און דאַמאָלט ווילט זיך מיר:
ווי אַ בוים אין דר'ערד אַריינגעוואַקסן זיין
און מיינע הענט, ווי צווייגן, צו די הימלען שפּרייטן
און רוישן, רוישן, רוישן
מיט אַ שטומען ווערטערלאָזן פּײַן,
איבער אַלע קעפּ אַריבער, איבער אַלע שטעט אַריבער,
פֿון איין וואַלד צום צווייטן,
פֿון איין פֿעלד צום צווייטן.

רוישן, רוישן, רוישן — — —
און מיט אַלע ווערטערלאָזע קולות
פֿון וועלדער ימען בערגער און מדבריות.

הײַזער, שלעסער און רויִנען
זאָל מײַן רױשן אין דער אײביקײט פֿאַרבלײבן
און אין דעם זײַנלאָזן געמיש פֿון שפּראַכן, װערטער
אין דעם גאַנג פֿון דורות
אַ תּיקון זיך געפֿונען...

אויפגיין

איך וועל אויפגיין, אויפגיין
ניי און פריי און גרויס;
ניי און פריי און גרויס
פון דעם קברס שויס,
פון דעם טויט אַרויס —
פון דעם שאָטן־רייך אַרויס.

מיין געבוירן ווערן
שטעלט קיינמאָל זיך נישט אָפּ;
און מיט יעדן טאָג און יעדער שעה,
וואָס איך בין דאָ —
ווערט צייטיקער און רייפער מיין געבורט,
ווערט צייטיקער מיין זיין.

מיט יעדן טאָג און יעדעס יאָר
וואַקס איך טיפער, קרעפטיקער אַריין
אין זיין,
אין לעבנס־פרייד אַריין —
כדי נישט מער אַוועקצוגיין,
נישט מער שוין אָפּגעמעקט צו ווערן
פון דעם ווערן.

מיט יעדן טאָג און יאָר
ווערט מיין לעבן רייפער. רייפער —
פאַרן טויט;
און אויפגיין וועל איך פונם טויט
ניי און פריי און גרויס.
ניי און פריי און גרויס
פון דעם קברס שויס...

עכאָס

עכאָס, עכאָס פון ווייטע שטימען,
פון ווייטע קלאַנגען און געלעכטער
רייסן זיך אַריין צו מיר אין צימער
און ווי אַ װעכטער
פון ווייטע קלאַנגען, ווידערקלאַנגען,
פון אַ געלעכטער, וואָס איז שוין פאַרגאַנגען —
שפּאַן איך טריט בײַ טריט אין צימער.

און בײַנאַכט, ווען שטעט און דערפער שווייגן,
איז מיין צימער פול נאָך מיט די עכאָס,
מיט די ווידערקלאַנגען,
מיט די שאָטנקלאַנגען פון גערוישן, ווערטער
און געזאַנגען —
און ווי אַ װעכטער פון דעם רויש, וואָס איז פאַרגאַנגען,
שפּאַן איך נאָך אַרום אין צימער.

איך פאַל אַ מידער אויפן זאָפע.
און די עכאָס פלאַטערן אַרום אין צימער.
עס רעדט מיין בלוט מיט ווייטע קלאַנגען, ווידערקלאַנגען
פון רופן, רייד, גערוישן און געזאַנגען,

פֿון האַמער־קלעפּ, פֿון ווייסע שטורעמס, פֿון רעדער־קלאַפּעריי
און כ׳קאָן זיך פֿון די עכאָס נישט באַפֿרייען — — —
און שלאָפֿלאָז ליג איך —

איך, דער וועכטער פֿון די עכאָס.

שפּיל

קינדער אין שפּיל,
גרויסע מענטשן אין שפּיל,
פעלקער און לענדער אין שפּיל.
אייביק, כסדרדיק שפּיל —
גרויסאַרטיק און וווּנדערלעך שפּיל!

רוימען און הימלען אין שפּיל,
צייטן און וועלטן אין שפּיל —
לעבנס און טויטן אין שפּיל —
עס שפּילט זיך די אייביקע שפּיל,
פילפאַרביק, פילקלאַנגיקע שפּיל.

אַ ציגל, אַ צווייגל, אַ ברעטל.
אַ ווערטל, אַ שטיינדל, אַ בלעטל.
געבויט און פאַרטרויט אין דער שפּיל,
צעשליידערט, געטויט אין דער שפּיל —
און ווידער און ווידער געשפּילט.

גאָט שפּילט זיך מיט אונז
און מיר שפּילן מיט גאָט —

אַ פרײלעכער, פלינקער און רולאָזער גאָט:
עס נעמט אים אַ רגע פּאַרוויסטן אַ שטאָט,
אַן אויגנבליק נעמט אים צו מאַכן אונז טויט
און אַלץ, וואָס מיר האָבן אין שפּילן געבויט.

אָט נעמט ער אַ הויפן פון פעלקער אין האַנט
און מישט זיי צונויף אין אַ בלוטיק געמיש,
געשפּיין פאַר די ראָבן, פאַר וועלף און פאַר פיש —
אַ פרײלעכער, פלינקער און רולאָזער גאָט,
אַ שטיפעריש־יינגער און אײביקער גאָט.

ביינאַכט פאַלן שטערן פון הימל אַראָפּ —
גאָט שלײדערט אין רוימען זיין אייגענעם גאָב;
באַלד כאַפּט ער דעם ערדבאַל מיט שטיין און געביין,
צעקרישלט אין פויסט און צעלאָזט אויפן ווינט
און לאַכט אַזוי האַרציק און לאַכט אַזוי שיין,
אַזוי ווי אַ קינד...

גאָט שפּילט זיך מיט אונז
און מיר שפּילן מיט גאָט —
אָט לויפן מיר ברוגז פון אים,
אָט קומען מיר ווידער צו אים
און שפּילן זיך ווידער מיט אים —
עס איז אַזוי גוט דאָך די שפּיל
און שטעלן אַלץ אין קאָן פון דער שפּיל
און שטאַרבן מאַרטון אין דער שפּיל...

אָן אויגן אָן רייד...

אָן צונג און אָן ליפּן, אָן רייד
וואָלטן מיר סיי־ווי געזוּנגען — — —
עס וואָלט אונזער צער, אונזער פרייד
געזוּנגען פון אונז שטוּמערהייט,
פון אונזערע גופים געזוּנגען.

אָן אויגן אין אונזערע קעפּ
וואָלטן מיר סיי־ווי געזען
די ווּנדער פון זיין, פון געשען — — —
דעם אייביקן שיינהייטס־געוועב
מיט הויט און מיט ביינער געזען...

אָן אויערן וואָלטן מיר אויך
געזאַנג פון די וועלטן געהערט.
געזאַנג פון די ימען ערד — — —
מיט הענט און מיט פיס און מיט בלוט
וואָלטן מיר זינגען געהערט.

רו

וואָס טוט זיך אין די הערצער פון די בוימער,
צו וועלכע מיר זענען געקומען זוכן טרייסט און רו?
אפשר זענען זיי אומרויק און פאַרצווייפלט,
ווי איך און דו?
און זייער צער, ווי אונזערער, איז טיף און שווער, —
ווי אונזערער, מיין ליבער,
און אפשר מער?

ווער ווייסט, וואָס עס טראַכטן, פריינד, די וואַסערן,
וואָס טראָגן זיך פאַר אונזערע פיס פאַרביי,
אַמאָל מיט א נערוועזער אומרו,
אַמאָל מיט שטילער מורמלעריי?

און דער אומעטיקער קודלעוואַטער הונט,
וואָס קוקט אין וואַסער דאָ מיט טרויעריקע אויגן —
וואָס טוט זיך אין זיין האַרץ אצונד?
פילט ער אפשר אויך דעם גרויסן טרויער
פון ד ע ר וועלט און פון אַלע וועלטן?

ווען די ימען און די בערגער און די וועלדער

זאָלן קאָנען רעדן,
ווען די באַשעפענישן אַלע זאָלן קאָנען אונז דערציילן,
וואָס זיי פילן און זיי טראַכטן, —
וואָלט אפשר אונזער צער פון אַלע טעג און נעכט און די
פאַרנאַכטן

אויסגעזען אונז אַזוי גישטיק, אַזוי קליין?

דער שפּרוך

ס'וואַרט די וועלט, פון מיליאָנען נשמות באַוועלט,
ס'וואַרט די גאַנצע נאַטור-קרעאַטור
אויפן וווּנדער-באַפעל,
אויפן שפּרוך פון מיין זעל,
אויפן שפּרוך,
וואָס איך זוך
אין מיין אייגן געביין און אין הייליקן בוך.

געפינען איך דעם שפּרוך,
וואָס איך זוך,
ווער איך גאָט,
אַ ייִנגער, אַ פרייִדיקער, ערדישער גאָט
אַ פרייִדיקער, שאַפנד-צעשטערנדער גאָט.
און מיינס איז דאָס פעלד און דער וואַלד און די שטאָט
און דער רוים און דער תהום און די וואָר און דער טרוים.

אַ פרייִדיקער, ערדישער גאָט.

איך שיק אין שליחות די ווינטן אַרויס,
עס איילן די בליצן פאַר מיר, צוליב מיר,

וועלט-איין און וועלט-אויס.
און ס'רופן די טייכן און ימען מיט פרייד:
מיר זענען געגרייט
צו דעם רוף פון דיין זעל —
באַפעל!

איך וואַרט אויפן שפּרוך,
וואָס איך זוך
אין מיין אייגן געביין און אין הייליקן בוך.

איינינקער אַליין

איינינקער אַליין,
איינינקער אַליין — — —
אַזוי טרויעריק, גאָט,
אַזוי וואונדער-שיין.
לאָך איך
און איך וויין:
איינינקער אַליין,
איינינקער אַליין.

צווישן טויזנט לייט
איינינקער אַליין.
אויף דער גאָרער וועלט
איינינקער אַליין.
צווישן פיינט און פריינט
איינינקער אַליין.
צווישן גאָט און וועלט
איינינקער אַליין.

איינינקער אַליין,
איינינקער אַליין.

חזר איך פאַר זיך:
איינזינקער אַליין,
איינזינקער אַליין.
גאָט, ווי רויִנריק ס'איז
גאָט, ווי ווונדער־שיין — — —
איינזינקער אַליין.

איך בין שטענדיק גרייט

איך בין שטענדיק גרייט,
יעדן טאָג און יעדע שעה
פאַרן לעצטן טאָג, פאַר דער לעצטער שעה.

איך בין שטענדיק גרייט.
מיט אַ גרינג געמיט
מיט אַ ליבע צו גאָט — פאַר דער לעצטער שעה.

און איך ווייס עס ווויל,
אַז ס׳קאָן יעדע שעה
זיין די לעצטע שעה פון דעם לעצטן טאָג.

און איך ווייס עס ווויל,
אַז ס׳קאָן יעדע שעה
זיין די לעצטע שעה פון דער גאַנצער וועלט.

און ס׳גרייט יעדע שעה
זיך די גאַנצע וועלט
צו דער לעצטער שעה פון דעם לעצטן טאָג.

אפשר איז באַשערט,
אַז מיין לעצטע שעה
זאָל די לעצטע שעה זיין פון דער גאַנצער וועלט?

איך בין שטענדיק גרייט.

אַ טויט אויפן קעניג

„אַ טויט אויפן קעניג!"
דאָס פאָלק וויל איצט פרייהייט און ברויט!

„אַ טויט אויפן קעניג!"
און ס'מיידל דאָס אָרימע, ביינער און הויט,
מיטן פאָן אינדערהויך—אַזוי פורפורדיק־רויט —
שרייט מיט די כוחות די לעצטע:
„אַ טויט אויפן קעניג!"

„אַ טויט אויפן קעניג!" — — —
און ס'מיידל דאָס אָרימע ציטערט פון קעלט.
זי ווייסט, אַז דער טויט פונם קעניג
ברענגט אויך טויט און פאַרוויסטונג צו איר,
אין איר שיינער, פאַנטאַסטישער וועלט.
נישט קומען צו איר וועט דער פרינץ מער אין לויטערע נעכט,
אין אירע חלומות — און קניען פאַר איר אַזוי שיין
און איר קושן די פינגער און זאָגן ווי ער האָט זי ליב.
זי גאָר אַליין...

„אַ טויט אויפֿן קעניג!“
עס וויל מער דאָס פֿאָלק נישט קיין קעניג,
דאָס פֿאָלק וויל זיין אייגענע גלאָריע געווינען אין שלאַכט —
און קומען צו איר, צו דעם מיידל, וועט דאַמאָלס אַ פֿינסטערע
נאַכט,

אַ חלום, אַ וווּנדער — און ליגן אַ טויטער אויף דר'ערד
וועט דער פּרינץ, דער פֿון אירע חלומות
און נעמען אים וואַלגערן וועט זיך זיין שווערד.

„אַ טויט אויפֿן קעניג!“ —
פֿון טויזנטער העלזער איין מעכטיק געשריי;
און ס'שרייט אויך דאָס אָרימע מיידל מיט זיי:
„אַ טויט אויפֿן קעניג!“ — — —
אַ טויט אויף איר פּרינץ, אויף איר מיידלשער, טרוימערישער
וועלט...

זוכער, זוכער!

ניט אין געפינען, נאָר אין זוכן, זוכן,
אין דעם אייביקן, אין אומאויפהערלעכן,
צאַפּלט זיך די גרויסע פרייד.

זוכער, זוכער אויף די ברייטע טראַקטן,
זוכער, זוכער אויף די קרומע שטעגלעך—
פאַרלאַנגזאַמערט די טריט!

זאָל באַשערט מיר זיין דאָס אייביק זוכן,
דאָס אייביק ציען זיך צו ווייטע, אומבאַשטימטע צילן,
די אומרו אייביקע צו ווילן דערגרייכן,
צו ווילן דערלאַנגען — — —
און אייביק זאָלן אַלע ווייטע צילן פאַרבלייבן ווייטע,
ניט דערגרייכטע,
אין דעם נעפּל פון אַ ווייטן מאָרגן,
וואָס וועט פאַר אַלע דורות זיין אַ ווייטער מאָרגן.

ווי איז די, וואָס האָבן זייער ציל דערגרייכט
און דערזען דעם הוילן גאָרנישט,
דעם נאַקעטדיקן אומזין — — —

וואָס בלייבט זיי ווייטער נאָך אין לעבן?
גאָרנישט בלייבט זיי מער אין לעבן.

אין דעם זוכן זענען אַלע פריידן,
אין דעם זוכן איז די וועלט־אילוזיע,
אין דעם זוכן זענען אַלע גוטסקייטן און שיינקייטן,
אין דעם זוכן זענען אַלע וועלטן,
אַלע אמתן
און אַלע וווּנדערלעכע ליגנס.

זוכער, זוכער אויף די ברייטע טראַקטן,
זוכער, זוכער אויף די קרומע שטעגלעך —
וואָס מער אומוועגן און זיגזאַגן!
לאָמיר זוכנדיק דערווייטערן פון ציל זיך
וווּהין מיר ציען...
אפשר וועלן מיר, געבענטשטע זוכער, אויסלעבן זיך
אין זוכן —
און אויסגיין אויף די וועגן
מיט דער אומגעשטילטער פרייד פון נישט דערגרייכטן ציל...

אין די בערג

איך שטעל זיך אַפּ אינמיטן וועג
און הויב די אויגן אויף צום הימל —
שטום!
איך שטיי אַ שווייגנדיקער, אַן אַנטציקטער, אַ באַגליקטער
אין דער זינגענדיקער, קלינגענדיקער, ריידעוודיקער וועלט
אַרום.
און שעם זיך מיט מיין אָרים וואָרט, אין פרילינג־טאַנץ
און ליבּ־געזאַנג צו גאָט
פון בּין און בלום, פון פויגל, ווינט און קינד
און פון דעם פרישן גראָז, וואָס רעדט אַרויף צו גאָט
פון אונטער מיין פאַרשווײַגנדיקן טראָט.

איך שטיי אַ שטומער, ווי די פעלזן,
וואָס הויבן זיך אַריבער אַלע העכסטע מויערן,
אַלע טעמפּלען פון די שכינותדיקע שטעט —
און ווערן אין דער בלאָקייט ווי פאַרלוירן —
פאַרלוירן אין דעם בלאָען רוים, ווי איך,
שטום־שווייגנדיקע, שטום־אַנטציקטע, אָן געבעט;
און שווייגנדיקע הערן זיי, ווי איך, זיך צו
צום ליבּ־געזאַנג פון בין און בלום, פון ווינט און קינד,

צום תמעוואַטן מרוקען פון דער קוּ
און פריידיק־שטילן שאָרכן פון די גראָזן אונטער מיינע טריט,
וואָס ציען זיך צום הימל בלינד.

בין איך אַ פעלז —
צו פעלז־באַרג אַ פאַרשאָלטענער פון גאָט,
אַן אָפּגעריסענער פון באָדן, פון דער געבענטשטער ערד,
אַ וואַנדערנדער פעלז, וואָס וואָגלט אום פון שטאָט צו שטאָט
און קאָן איינערגעץ זיך נישט אָפּשטעלן, צוגעוואַקסן זיין
און שטרעקט אַ שטומער זיך אין בלאָען רוים אַריין
און קוקט אַריבער איבער ימען — און דעקט גאָרנישט צו,
נישט קיינעמס אומרו און נישט קיינעמס רו...

איך בין א פעלז־באַרג.
און מיט אַלע פעלז־בערג שטיי איך דאָ אַצינד ביים פעלד,
אַ שטומער, אַן צנטציקטער, אַ באַגייַקטער
פון גאָטס שיינער, וווּנדערלעכער וועלט,
וואָס זינגט און קוואַלט און קוועלט
מיט טויזנטערליי שטימען, מיט טויזנטערליי פאַרבן ;
דער אָוונט רוקט זיך אָן, און הינטער מיר און איבער מיר
און הינטער אַלע בערג און איבער אַלע בערג
וועט די זון באַלד אונטערגיין און שטאַרבן
און מיליאָנען וועלטן און מיליאָנען נייע וווּנדער
וועלן אויפגיין איבער מיר...

און שטיל, אַ שטומער אין דער רעדעוודיקער וועלט
שווייגנדיק אַליין —
וועל איך דאָ שטיין
אין פינסטערניש, ווי אינם ליכט,
אין אויפגיין און אין אונטערגיין...

כ׳בין קיין שטילער נישט...

כ׳בין קיין שטילער נישט און נישט קיין גוטער.
מיינע ווערטער זענען ווילד און רוי.
נאָר צו גוטסקייט און צו שטילקייט
ציט עס מיך אַזוי — — —
און שטילע, גוטע, צאַרטע ווערטער
פאַלן אויף מיין רויען צאָרן
ווי טראָפּנס טוי.

פון די בלינדע ליידנשאַפטן מיינע,
וואָס פאַרצערן און פאַרסמען
מיר דאָס בלוט —
וויינט אַרויס אַ שטים און בעט זיך הילפלאָז:
כ׳וויל זיין שטיל און גוט!
כ׳וויל זיין שטיל און גוט!

און איך שפּרייט אָפּט אויס די הענט צום הימל
און איך בעט זיך ווי אַ קינד:
לאָז מיך נישט פון כעס און ליידנשאַפט
צעבראָכן ווערן
ווי אַ יונגע צווייג אין ווינט.

מאַך מילד און ווייך, גאָט,
אַלע מיינע רייד,
און זאָל פון מיינע אויגן
און פון מיינע ווערטער
שטענדיק אַרויסלייכטן
דיין גרויסע ליבע
און דיין גרויסע פרייד!

די טריט איבער מיר...

די טריט איבער מיר ביזקל שפּעט אין דער נאַכט
פון איינעם, וואָס כ'האָב נאָך נישט קיינמאָל געזען,
פון איינעם, וואָס כ'וועל אפשר קיינמאָל נישט זען.

טריט — — —
צומאָל לאַנגזאַמע, ווייכע, אַזוי ווי געציילטע,
און כ'זע אים דעם נאָך נישט געזעענעם איינעם,
אין טרויער די הענט נאָכגעלאָזן, ווי ווענטעס אין רויקן וואַסער,

אַ שטילער, פאַרטיפטער אין זיך —
שפּאַנט הין און צוריק.

צומאָל זענען די טריט אַזוי שנעל, אַזוי שווער,
הין־צוריק,
הין־צוריק.
און ס'ציטערט די הענג־לאָמפּ ביי מיר אויפן סטעליע
און ס'שפּרינגט אום דער פּלאַם אין משוגענעם טאַנץ מיט די שאָטנס — — —
דער נאָך נישט געזעענער איינער לויפט איצט אום מסתּמא
מיט ווילדע צעשויבערטע האָר און די נעגל פון בייניקע פינגער אין פּנים

און וואַנזין־שרעק שפּריצט אים אַרויס
פון די ברייטע געעפנטע אויגן.

אַט האָבן די טריט פון דעם נאָך־ניש־געזעענעם איינעם
זיך אָפּגעשטעלט. שטיל.
צי שטייט ער אַצינדער ביים אָפענעם פענצטער
און קוקט מיט וואַנזיניקע בליקן אַרונטער
צום רוישיקן מענטשן־געמיש אויפן גאַס —
און טראַכט פון אַ בלוטיק־צעפּיצלטן גוף אויפן ברוק?

הערט עמיצער אויך מיינע טריט ביזקל שפּעט אין דער נאַכט?

די שיפן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט קומען

אין וואָדעוויל־הויז האָט אַ מיידל געזונגען:
„איך וואַרט אויף די שיפן, וואָס וועלן נישט, קיינמאָל נישט קומען"

און ס׳האָבן די פּשוטע ווערטער צעהויכט אַזאַ אומעט
אויף מיר — און אויף אַלע —
און אויפגערירט האָט זיך אַ בענקשאַפט
אין אַלעמענס אויגן
און יעדער האָט עפּעס געטראַכט וועגן ימען
און ווייט־ווייטע אינזלען און שיפן —
וואָס וועלן דאָ קיינמאָל נישט קומען.

מיר האָבן דערפילט מיטאַמאָל — אינם וואָדעוויל־הויז —
וואָס מיר וואַרטן דורך טעג און דורך נעכט און דורך יאָרן,
וואָס מיר וואַרטן־דערוואַרטן אין אייביקן אומרו:
אויף שיפן, וואָס וועלן דאָ קיינמאָל נישט קומען,
וואָס וועלן נישט קיינמאָל דערגרייכן צו אונזערע ברעגן,

מיר וואַרטן דאָך אַלע אויף שיפן,
וואָס וועלן דאָ קיינמאָל נישט קומען.
צי וועלן זיי ברענגען אונז פרייד אָדער אומגליק,

די שיפן ?

מיר ווארטן אויף שיפן פון ווייטן, פון פרעמד, פון טומאַנען,
און ס'וועלן די שיפן נישט, קיינמאָל נישט קומען.
קיינמאָל נישט ?
קיינמאָל וועלן די שיפן נישט קומען.

צו וועמען?

צו וועמען בעטן?
גייט גאָט דען אָן מיין גורל אויף דער ערד?
און בעטן ווילט זיך דאָך אַמאָל אַזוי,
אויסרעדן זיך דאָס האַרץ פֿאַר וועמען
אַ נאָענטן, וואָס זאָל דערהערן
און פֿאַרנעמען.

צו וועמען בעטן?
אפֿשר צו דער אייגענער נשמה,
צום ווילן צום אייגענעם, וואָס דרימלט אין געביין,
צום כּוח דעם באַהאַלטענעם אין מיר —
אין שעהן, ווען די לעצטע זיכערקייטן
הייבן אָן פֿאַרגיין?

אפֿשר בעטן
אין דער וועלט אַריין, אין רוים אַריין
אין ווייטן, פֿינסטערן און לעערן —
וועט ווו אַ באַרג, אַ דאָרף, אַ שטאָט,
צי אפֿשר גאָר אַ מענטשלעך האַרץ אַ גרויס
דערהערן?

בעטן, בעטן.
אַזוי הילפלאָז און אוממעכטיק און פאַרלוירן
שטיי איך אין דער וועלט פון חכמה און נצחון,
און בין מקנא יעדן געצנדינער,
וואָס ווײנט זיך אויס פאַר געץ פון האָלץ, פון שטיינער,
גלויביק, מיט בטחון . . .

בעטן, בעטן.
איך זינג מיט אַלעמען דאָס יובל און טריומף־ליד,
גלאָריע, גלאָריע, הללויה, מענטש, מײַן ברודער!
נאָר אין די ווײַטיקדיקע שעהן און אין די נעכט
פון טרויער, צווייפל, אונטערגאַנג און פּײַן
וויגט מיך נישט אײַן
דער הימן פון שטאָל און אײַזן פון גיגאַנטן־שטעט,
דער עראָפּלאַן, וואָס שנײַדט אין בלאָען הויך זײַן ווינג,
דער פונקן־טעלעגראַף, די וווּנדערלעכע סובמאַרין,
עלעקטריציטעט

בעטן, בעטן.
צו וועמען בעטן? ווער וועט מיך דערהערן
אין געבראַזג פון פייער־רעדער, שווינדלדיקע באַנען,
אין דעם טריומף־געשריי פון חכמה און פון גלאָריע,
אין פליגל־רויש פון עראָפּלאַנען? — — —
גלאָריע, גלאָריע, הללויה מענטש, מײַן ברודער!
אין בלענד־שײַן פון מיליאָנען, עלעקטרישע ליכט

נעמט אַ גרויסע פינסטערניש אַרום מיין גייסט
און כ׳נורע זיך אין גרויסן, שווערן חושך
מיט אַ בלינד געזיכט.

אומזיכטבאַרע פריינט

אומזיכטבאַרע פריינט, מיינע!
איך פיל אייך שטענדיק אַרום מיר,
אין די שעהן פון פאַרלוירנקייט און טרויער,
אַן ווערטער ברענגט איר מיר צוטראָגן
טרייסט און רו —
טרייסט און רו פאַר מיין געמיט,
פאַר דער צעפייניקטער נשמה.

איך ווייס נישט ווער איר זענט,
פון וואַנען איר קומט אַן —
אָבער כ'ווייס, אַז איר זענט דאָ,
דאָס האַרץ מיינס פלאַטערט אויף פון אייער יעדן ריר
און אָפטמאָל דאַכט מיר, אַז אַ גאָט־געבענטשטע,
איידל־צאַרטע האַנט
רוט מיר אויפן קאָפּ
און ציילט די איינצל־גראָע האָר...

אומזיכטבאַרע פריינט מיינע!
איר ווייסט, וואָס ווייניק ווייסן —
אַז ס'לעבט אין מיר אַ גרויסע ליבע

און אַ ים פון גוטסקייט און פון פרייד,
צו אַנדערש בין איך, אַנדערש, אַנדערש
ווי איך דערשיין טאָג־איין, טאָג־אויס
אין רוישנדיקן, טוישנדיקן לעבן,
אין גאַס און אין קאַפע.

אומזיכטבאַרע פריינט מיינע!
וואָס וואָלט געווען פון מיר—אָן אייך,
אָן אייער פליגל־פלאַטער אויף מיין האַרץ?
כ'וועל זיין אמאָל ווי איר, אַן אומזיכטבאַרער
און וועל מיט אייך צוזאַמען
ברענגען טרייסט און בענטשונג
גליקזעליקייט און רו
צו אַזעלכענע ווי איך.

מ י ט נ א כ ט

אָפּגעטון, ווי דורך אַ כּשוף, האָבן זיך פון מיר
אַצונד, אין דער מיטנאַכטיק־ריינער שעה.
אַלע רייד פון אַלע קלוגע ביכער,
אַלע רייד פון אַלע קלוגע מענטשן,
אַלע זיכערקייטן,— און גאָרנישט ווייס איך מער,
וואָס ס'איז געווען, וואָס ס'דאַרף צו זיין און וואָס ס'איז דאַ—
אַצונד, אין דער מיטנאַכטיק־ריינער שעה.

די זעלבע שטערן לייכטן היינט, וואָס אַלע נעכט פון לעבן מיינעם
און אונטער מיינע פיס איז אויך די־זעלבע ערד;
נאָר מיטאַמאָל האָב איך דערפילט איצט, אַז נישט זיכער אין דער הימל,
און נישט זיכער אין דער באָדן,
אויף וועלכן איך און דורות פריער האָבן שטאָלץ געטראָטן
און הילפלאָז און אומזיכער בין איך – און אַלע, אַלע –
צווישן די מיליאָנען וועלטן אינעם אוניווערסום,
הילפלאָז און אומזיכער ווי די ערד,
אויף וועלכער ס'איז צו לעבן און צו שטאַרבן
אונז באַשערט.

שטיי איך אַן אַנטבלויזטער איצט פון אַלע קלוגע רייד,
פון אַלע זיכערקייטן, אין דער מיטנאַכטיק ריינער שעה,
און פאַלן ווילט זיך אויפן פנים, ווי אַן אַלטער געצנדינער
פאַר די אומזיכבאַרע, בלינדע כוחות,
וואָס זענען אייביק און אומענדלעך — — —
און זאָגן דורות־אַלטע תפילות, רעדן דורות־אַלטע רייד,
וואָס זענען אויף די אַלטע פאַרמעטן און הערגליפן דאָ — —
אַצונד, אין דער מיטנאַכטיק ריינער שעה.

איבער מיר — די וועלטן די מיליאָנען ציטערן
אין דער מיטנאַכטיק ריינער שעה;
אַזוי־אָ, ציטערט אונזער וועלט אויך אין דעם חלל,
אַ פינטל אין דער פינסטערניש, פון פינסטערניש
אַרומגערינגלט.

און גאָרנישט איז דאָ פעסט און זיכער
און אין גאָרנישט קאָנסטו זיך אָנהאַלטן, אַריינגראָבן.
וואָס וואַרט דאָרט, אין דער גרויסער פינסטערניש?
ווער ווייס? און גאָרנישט זיכער איז, וואָס ס'איז געווען,
וואָס ס'דאַרף צו זיין און וואָס ס'איז דאָ —
אַצונד, אין דער מיטנאַכטיק ריינער שעה.

שלאָף

הייליקע בענטשט מיך מיט שלאָף,
מיט דעם פעסטן און זיכערן שלאָף פון די בערג,
מיט דעם אייביקן שלאָף פון דער ערד.

גאָרנישט קאָן אויסלייזן מיך
פון דעם אומגליק און לאַנגווייל, וואָס איז מיר באַשערט.
נישט די פרייד, נישט די טרייסט, נישט דער ווײַן,

און אײך נישט דער טויט, וועלכער פירט אונז אַריין
אין אַן אַנדערן זײַן.

נאָר דער שלאָף, נאָר דער שלאָף!
אָ, הייליקע בענטשט מיך מיט שלאָף,
מיט דעם טרוימלאָזן שלאָף פון די בערג,
מיט דעם אייביקן שלאָף פון די צייטן.

הייליקע, בענטשט מיך מיט שלאָף,
מיט דעם שלאָף, וואָס איז מער ווי דער טויט.
מיט דעם שלאָף פון די הויכן, די טיפן, די ווייטן.

הייליקע! בענטשט מיך מיט שלאָף.

אדעלא

(אַכט געזאַנגען) — ווין — 1909

I

ווייכער, שטילער און פאַרקלערטער
זענען מיינע רייד אַצינדער;
ווייכער, שטילער און פאַרקלערטער,
ווייל פון אַלע מיינע ווערטער
הויכט אַרויס דיין אָטעם,
אָטעמט דיין פאַרלאַנג, אַ בלינדער,
זוכנדיק אַ שיין, וואָס איז נאָכנישט פאַראַנען,
וואָס הייבט ערשט אָן געבוירן ווערן אין טומאַנען.

עס שמעקט דיין לייב אַרויס פון מיינע ווערטער,
עס טוקט זיך מילד דיין בליק אין אַלע מיינע רייד,
און ס׳שאָרכן פריידיק, פריידיק, פריידיק
אין זיי די פאַלדן פון דיין זיידן קלייד.

קומען מענטשן אָן און הערן מיך פאַרוואונדערט
און שמעקן מיינע רייד און כאַפּן־אויף די ווערטער
און טראָגן און צעטראָגן זיי אין אַלע ערטער,
ווו ס׳ציען זיך נשמות צו אַ ווייטער פרייד.

איך וועל פאַרשפרייטן דיך אויף אַלע וועגן,

איך וועל פֿאַרשפּרייטן דיך אויף אַלע וועגן,
איך וועל פֿאַרשפּרייטן דיך אויף אַלע טעג;
און אומעטום, וווּ איך וועל גיין,
וועסטו אָנקומען מיר אַנטקעגן —
אין יעדן טאָג, אין יעדער שעה, אויף יעדן וועג.

2

איך וואַרט אויף דיר, אַדעלאַ מײַנע.
און ס'וואַרט מיט מיר דער יונגער מאָרגן,
און ס'וואַרטן אַלע שלאָפנדיקע גאַסן
אויף דײַנע לײַכט-באַלעבנדיקע טריט.

די לעצטע נאַכט-לאַמטערנעס האָבן זיך פאַרלאָשן.
באַלד וועט זיך אויפכאַפּן דאָס שטאָט-געפילדער פונם שלאָף,
און דורכן שוואַרצן רויך פון אַלע קוימענס
און דעם געשריי פון אַלע גאַסן
וועט ווייען — אַ פילפאַרביקע —
אונזער גרויסע פרייד.

און ס'וועט געשען, אַז ס'וועט דער שמידער
מיט'ן האַמער אויפגעהויבן בלײַבן שטיין
און דער אָנגעבויגענער וועט אָפּשטעלן די מאַשין
און דער גאַסנהענדלער וועט אינמיטן זײַן געשריי
ווערן שטיל, אומרויק שטיל, —
און האָרכן, מיט די הערצער האָרכן, האָרכן
צו דער גרויסער פרייד, וואָס טראָגט זיך אין דער לופט,
צו אונזער גרויסער פרייד.

איך און דער יונגער מאָרגן
װאַרטן בײַ דײַן טיר.

3

פֿול אין די וועלט מיט דיין נאָמען, אַדגלאַ.
איך הער אים אין דעם גאַס געריש
און אין די שמועסן פֿון די זאַנגען,
ווען איך שפּאַציר פּאַרטראַכטערהייט אַרויס אין פֿעלד.
דיין נאָמען קלינגט צו מיר פֿון אונטער פֿור און טראַמוויי-רעדער,

און פֿון שמידס צעגליטן האַמער
טראָגט ער זיך גלייך צו מיר אין האַרץ אַריין מיט רויטע פֿונקען.

די קליינע קינדער אין די ווייסע, ציכטיקע קאָסטיומען,
וואָס שפּילן זיך אין רינגל-ראָד אין גאַס,
טאַנצן צו דעם ריטם פֿון דיין נאָמען,
אַזוי גרינג, אַזוי ווינטיק, אַזוי פֿריי.

און דיין נאָמען, אַ דורכזיכטיקער, אַ זינגנדיקער,
פֿלאַטערט אין דער בלאָער לופֿט פֿון אַלע אָוונטן
און אין דעם זונגאָלד פֿון אַלע שיינע טעג.

און אַז די וועלט קומט צו מיין פֿענצטער אין פֿינסטערע נעכט

און קלאָגט־אויס איר צער דורך אירע וויינענדיקע ווינטן.
הער איך אין די ווינטן דעם נאָמען דיין, אַדעלאַ.
אַדעלאַ!
אַדעלאַ!
קלאָגן אַלע ווינטן.
דאָס רופן זיי צו דיר,
דאָס וויינען זיי צו דיר,
דאָס בעטן זיי צו דיר מיט מיין בענקענדיקן טרויער
וואָס איך האָב אויף דער וועלט צעשפּרייט.
אַדעלאַ

4

זיי פאַר מיר אַ ווייטע און אַ פרעמדע,
זיי פאַר מיר די נישט־אַנטפּלעקטע פרייד;
זיי פאַר מיר דאָס נישט־דערגרייכטע גליק,
פאַר וועלכן ס'זענען נישט פאַראַן קיין פאַרבן און קיין רייד.
זיי פאַר מיר אַ חלום.

פאַרמייד דעם שטורם פון די ליידנשאַפטן מיינע
מיט אַ שטרענגן בליק
און מיט אַ דראָענדיקן פינגער:
„פאַרגעסט זיך נישט, מיין הער!"
און איך וועל אַ פאַרזינדיקטער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן שווער,
אַ שטילער, אַ פאַרבענקטער נאָך די גלידער דיינע,
דיר ווינטשן אַ „גוט־נאַכט".

ס'איז גוט אַזוי מיט דיר צו גיין שפּאַצירן
דורך די שטילע גאַסן, אין דער שטילער נאַכט
און הערן דיינע רייד און זיך אין זיי פאַרלירן
און קושן דיר ביים טויער העפלעך, עלעגאַנט
דיין קליינע, ווייסע האַנט
און דערנאָך אַוועק אַליין, פאַרטראַכט.

ווער נישט נאָנט צו מיר, — פאַרבלייב פאַר מיר א ווייטע.
אַ נישט־דערגרייכטע ביזן סוף פון מיינע טעג.
עס איז מיר אַזוי גוט פון דיר צו טראַכטן,
אַז דו ביסט אַנדערש, אַנדערש, אַנדערש
און אַז דו האָסט אַזעלכע שיינקייטן און פריידן,
וועלכע ס'האָט נישט קיין שום אַנדער פרוי.

זיי פאַר מיר אַ פרעמדע.

5

אַלע שיפן, וואָס פאַרלאָזן אונזער האַפן,
נעמען־מיט מיט זיך מיין גרויסע בענקשאַפט
און מיין גרויסע ליבע;
איבער אַלע ימען שפּרייט זיך אויס מיין ליבע
ווי אַ דינער, בלאָער נעפּל.

פון אַלע ווייטע האַפנס לאָזן זיך מאַטראָזן
אין די פרעמדע שטעט אַריין, פאַרבענקטע — — —
פאַרבענקטע מיט מיין בענקשאַפט,
פאַרליבטע מיט מיין ליבע.
און אין רוישנדיקע גאַסן זוכן זיי די ליבע
און זיי ווייסן נישט, אַז דו, אַדעלאַ,
ביסט מיט מיר.

אין אַלע ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער
שטייט אונזער איינזאם שטיבל
און קיינער קאָן עס נישט דערגרייכן
און קיינער קאָן אונז נישט געפינען...

נישט איינמאָל וועלן זיך אומקערן די מאַטראָזן

פון די ווייטע רייזן, פון די פרעמדע אינזלען
און זיי וועלן אין די גאַסן
אונז פאַרבייגיין, שטיל־פאַרבענקטע,
און נישט וויסן, אַז דאָס בענקן זיי נאָך דיר,
אַז דאָס האָבן זיי געזוכט דיך
אין די ווייטע, פרעמדע שטעט.

און דו וועסט זיין מיט מיר.

6

אין די גראָע אַלטעגלעכע רייד,
אין דעם ציִנישן קאַלט־קלוגן שפּאָט —
אַ פּלוצלינגע כוואַליע פון פרייד — — —
און איך וווּנדער זיך טײלמאָל אַליין
און שטיי פאַר אַ סוד:
וואָס איז מיט מיר פּלוצים געשען!

נאָר דאַרף דען דער סוד אַ באַשייד!
אַ גליקלעכער בענטש איך דעם סוד — — — —
אַבי עס איז שמייכל און פרייד,
אַבי עס שלאָגט שטאַרקער דאָס האַרץ — — — —
און קומט נישט די פרייד מיר פון גאָט,
געהייליקט זאָל ווערן די ערד!

7

דער טיש איז נישט מיט ווייס פאַרשפּרייט,
עס ברענען נישט קיין העלע ליכט —
דאָך פיל איך יומטובדיק אַרום,
אַ גרויסע יומטובדיקע פרייד
קלינגט טאָג נאָך טאָג אין אַלע רייד
און שטראַלט אויף איטלעכנס געזיכט.

דאָס לעבן רוישט ווי אַלע טעג —
נאָר יומטובדיק זעט מיר אַלץ אויס:
ס'איז יומטובדיק מיין אַרבעטס-מי,
ס'איז יומטובדיק דער שטויב אין וועג,
ס'איז יומטובדיק דער שיפער לעבן ברעג,
וואָס פירט פּאַרנאָסט אונז אויפן טייך אַרויס.

ס'איז יומטוב, יומטוב — טאָג נאָך טאָג,
און די נשמה פון מיין יומטוב-פרייד בגסטו,
דו האָסט אין יומטוב איינגעהילט מיין וואָך,
האָסט יומטובדיק געמאַכט דעם זייגער-שלאָג,
און ווי כ'דערזע דיך, גיב איך פריידיק דיר אַ זאָג:
„אַ גוטן יומטוב דיר, געליבטע דו!"

8

גאָרנישט ווערט פאַרלוירן אויף גאָטס-וועלט:
אַ וואָרט, אַ שאָרך, אַ קלאַנג אַ קול;
און דיינע דראָבנע, זינגענדיקע טריט
וועלן בלייבן אייביק, אייביק, אייביק
אין דער אייביקער האַרמאָניע פון קולות, קלאַנגען, עכאָס.

דו וועסט מער שוין דאָ נישט זיין,
נישט דו און נישט דיין פרייד,
נאָר דיינע דראָבנע, זינגענדיקע טריט
און דאָס שאָרכן פון דיין זיידן קלייד
וועלן לעבן אין די שטיינער, אין דער קלאָרער לופט.

און אַ פאַרשפעטיקטער שפּאַצירער אין דער שטילער נאַכט
וועט אַמאָל — ווען דו וועסט מער נישט זיין —
דערהערן הינטער זיך די דראָבנע, זינגענדיקע טריט
און דאָס שאָרכן פון דיין זיידן קלייד —
און אויפגיין וועט אין אים אַן אומבאַקאַנטע פרייד.

II

דער טורעם פון בבל

(אכט אָפגעריסענע געזאַנגען)

ז — די טרעפּ צום הימל

נישט מיט קיין תּפֿלה, קיין לויב־ליד צו גאָט,
נישט מיט קיין קללה און נישט מיט קיין שפּאָט —
שטייגן מיר, שטייגן מיר, שטייגן מיר אויף,
בויענדיק, בויענדיק העכער אַרויף
דעם טורעם פֿון בבל.

שטאַנגען און צוואַנגען און שטאָל און גראַניט,
ליים, אויסגעטראָטן דורך דורות פֿון טריט,
אונטערגעשפּאַרטע פֿון אַקסל און קעפּ —
לייגן מיר, לייגן מיר, לייגן מיר טרעפּ
צום טויער פֿון הימל.

הויבן דערהויבן מיר ערדישן שטיין,
ס׳קאַלך, וואָס האָט ווייס געמאַכט אונזער געוויין,
רעדער און האַמער און שטויבן פֿון שטאָט —
טראָגן מיר, טראָגן מיר, טראָגן צו גאָט —
אויף קופּערנע טאַצן.

וואונדער צעוואַקסן פֿון אונזערע הענט:
טורעמס און זיילן און מעכטיקע ווענט.

גאָרן אויף גאָרן און שיכט איבערשיכט.
פינסטערע קעפּ אין צעכוואַליעטן ליכט —
מיר קומען! מיר קומען!

העכער און העכער אין קאָסמישן סטעפּ.
גופים דורך לערקייט אויף שטיגן־געוועב.
נידער צו הויך און די ערד צו דעם רוים —
ברענגען מיר, ברענגען מיר, ברענגען מיר תּהום
צו זוניקע הויכן.

II — די ברענענדיקע שטערן

אויפן הימל אויפגעגאַנגען
זענען מזליערעס און שמידן.
סוחרים קומען אויפן הימל —
צו יאַרידן.

אויף אַ וואָלקן זיצט אַ גלעזער
און ער שניידט קאָלירטע שויבן —
פאַר די טורעמלעך און פענסטער
אויבן, אויבן.

אויף דער „מילך־גאַס" גייט אַ ייזל,
פירט אַ רויטע קו צופרידן —
פרישע מילך פאַר ציגל־לייגערס
און פאַר שמידן.

אויפן „גרויסן בער" אין הימל
רייט מיט גדלו: אַ ציגיינער;
און ער זינגט אַ ליד: „מאַרושאַ,
איך בין דיינער!"

קומט דער אָוונט, גייען אונטער
זון און מוליער, שמיד און גלעזער.
טוי — אין טרערן פון ציגיינער
פאַלט אויף גרעזער.

פייערלעשערס נעמען לעשן
פלאַם פון ברענענדיקע שטערן.
פינסטער ווערט — און חושכדיקער
וועט נאָך ווערן.

III — דער געפּאַנצערטער שבת

פון רעלסן און שטאָלענע שטאַבעס —
אויף הויכן און רויכן אַ שבת.
אַ נייער, געפּאַנצערטער שבת
פאַרשפּרייט איבער דעכער און טורעמס —
אַ מקום־מנוחה פאַר שטורעמס.

אַ שבת פון מאַרמאָר און ציגל,
אַ שבת פון שמעלציקן טיגל.
מיר קומען צו זאָגן „גוט שבת"
צו גאָט און צו אדם און חוהן —
דעם יום־טוב פון אימפּעט צו פּראַווען.

מיר שפּרייטן אַ טישטוך אויף רוימען
און הויבן דעם בעכער, דעם קוימען:
לחיים צו די אוניווערסן!
לחיים צו בלאָע געוועבן,
לחיים צו טויט און צו לעבן!

לחיים, לחיים, לחיים
צום שבת, דעם גרויסן, דעם נייעם,
צום שבת פון הייליקן וואַנזין,
צום שבת אויף שפּיציקע דעכער —
צו הויך דורכן רויך און צו העכער

IV — גאָט אין וואָלקנקראַצער

גאָט גייט אַריין אין וואָלקנקראַצער,
אין דעם ווירוואַר פון טויזנט טירן —
און בעט דעם דינער־יונג, דעם בלאָנדן,
ער זאָל אים פירן.

דער דינער ציט פאַר אים דאָס היטל
און הייסט אים נאָכגיין אים פון הינטן,
דורך די געדרייטע קאָרידאָרן,
ווי לאַבירינטן.

דער דינער פירט אים דורך קאַנטאָרן,
פאַבריקן, סקלאַדן, מאַגאַזינען.
מיט וואונדער און מיט אומרו רוישן
אַצונד מאַשינען.

מיט וואונדער און מיט אומרו צוקן
הענט און אויגן, זעג און האַמער.
אַ נס איז ליכטיק אויפגעגאַנגען
אין יעדן קאַמער.

ס׳זעט קיינער נישט דעם גאַסט דעם פרעמדן,
נאָר איטלעכער האָט וואָס פאַרנומען.
און יעדער פילט, אַז מיטן דינער
איז גאָט געקומען.

V — דאָס ליד פֿון די ציגל־לייגערס

מיר בויען די שטיינערנע לוחות,
די שטיינערנע לוחות־הבּרית:
די לוחות פֿון שטייגנדן מענטשן —
דורך דראַנג און פֿאַרלאַנג און קאַפּריז.

מיר בויען די שטיינערנע לוחות
מיט ווערטער פֿון אייזן און שטאָל.
עס שטייגן די שטאָקן — די שורות —
אַזוי ווי דורך כּישוף, פֿון טאָל.

מיר בויען די שטיינערנע לוחות
פֿון מענטש, וואָס וויל ווערן אַ גאָט.
אַריבּער דעם סיני — און העכער —
דערהויבּט זיך אויף אַקסלען די שטאָט.

מיר בויען די שטיינערנע לוחות,
די שטיינערנע לוחות־הבּרית,
דעם טורעם פֿון בּבל דעם נייעם —
דורך דראַנג און פֿאַרלאַנג און קאַפּריז.

VI — שטומערהייט פאַר גאָט

אַזוי וועלן מיר קומען פאַר גאָט:
מיט ליים און מיט קאַלך אויפן קלייד,
מיט שטויביקע שטיוול פון שטאָט —
אַ נויג טון דעם קאָפּ שטומערהייט.

דער האַמער וועט רעדן פאַר גאָט
מיט בראַזג אויפן שטאָלענעם שטאַנג.
די ציגל — אַ פאַל, אַ צושאָט
פאַר אים, אין אַ פינסטער געזאַנג.

און מיר וועלן שטום אַזוי שטיין,
צום אָרט צוגעקאָוועט דער טראָט —
אָן ברכה, אָן פלוך, אָן געוויין,
און קוקן פאַרגליווערט אויף גאָט.

VII — דער נביא אויפֿן דאַך

דער נביא שטייט אויפֿן דאַך
פֿון העכסטן טענעמענט־הויז.
דער נביא שטייט אויפֿן דאַך
אין רויך — פֿון קוימענס אַרויס.

דער נביא רעדט — דער שטאָט
וועגן דעם אײַנזאַמען גאָט.
דער נביא רעדט צו דער שטאָט —
עס הוזשען קעסלען און ראָד.

דער נביא רופֿט צו די לײַט —
ער רופֿט צו רו און צו פֿרייד.
דער נביא רופֿט צו די לײַט —
האָגל אויף דעכער די רייד.

דער נביא שטייט אויפֿן דאַך.
דער אָוונט לאָזט זיך אַראָפּ.
דער נביא שטייט אויפֿן דאַך.
לופֿט־שיפֿן איבער זײַן קאָפּ.

VIII — דער וועכטער אין העכסטן טורעם

— וואָס זעסטו, וועכטער, אין דער נאַכט
פון טורעם איבער הונדערט גאָרן ?

— איך זע, ווי אַ טאָרנאַדאָ רייסט
צום טורעם זיך מיט ווילדן צאָרן.

— וואָס וואַנדערט, וועכטער, אום דיין בליק
דורך פינסטערניש אויף אַלע וועגן ?

— איך זע : דער ברויזנדיקער ים
רייסט זיך אַהער פון זיינע ברעגן.

— וואָס האָסטו זיך צום וואַלד פאַרטראַכט,
ווי אימה וואָלט דיין האַרץ באַרירן ?

— די ביימער רייסן זיך פון דר'ערד.
עס וויל דער וואַלד אויף אונז מאַרשירן.

— וואָס עפנסטו דיין אויער אויף,
ווי ס'וואָלט אַ קול פון ערגעץ דרינגען ?

— עס פּלאַצט די שאָלעכץ פון דער ערד.
דער תהום איז גרייט אונז צו פאַרשלינגען.

— וואָס וועקסטו, וועכטער, נישט די לייט,
אַנטקעגן בלינדער קראַפט צו קריגן?

— זאָל וואויל באַקומען זיי דער שלאָף.
זאָל זיי דער סוף אין שלאָף באַזיגן.

III

אויף גאטס שוועל

ניִשט אין די בלעטער פון תנ״ך
און ניִשט אין נייעם טעסטאַמענט —
אין שטילן גראָז אין גרינעם בלאַט
האָב איך גאָטס שריפט דערקענט.

ניִשט אין דער זעגד־אַוועסטאַס הימן
ניִשט אין קאָראַן פאַרשפרייט דורך שווערד —
אין רויש פון ים אין ברויז פון פלאַם
האָב איך גאָטס וואָרט דערהערט.

ניִשט אין דער שול און ניִשט אין קירך,
ניִשט אין פּאַגאָדאַ און מעטשעט —
אין שווייגנדיקן וואַלד ביינאַכט
האָב איך מיט גאָט גערעדט.

לאָגלען

דער וואַנדערער אין מדבר־וועג
פירט אָנגעפילטע לאָגלען
מיט וואַסער־פריש — צו שטילן זיין דורשט,
בעת זיין לאַנגן וואָגלען.

פיל־אָן מיט גלויבן דיינע טעג,
מאַך פול די לעבנס־לאָגלען —
און נישט פאַרדאַרן זאָל דיין זעל
בעת איר ערדיש וואָגלען.

עדות

דו האָסט גערופן אונז צו זיין די עדות
פון דיינע וואונדער, וואָס דו האָסט צעשטעלט;
איצט טראָגן מיר דעם טרויער פון די זיידעס
אויף אַלע שליאַכן פון דער וועלט.

דו האָסט צעהאָנגען איבער אונז די שטערן
און אויסגעשפּרייט אַ טויזנט־פאַרביק שפּיל.
און בלינדע וואָגלען מיר דורך דיינע ספערן,
נישט וויסנדיק דעם לעצטן ציל.

האָסט אויפגעמאַכט פאַר אונז ס׳געהיימע טויער
פון שווייגנדיקן קעניגרייך פון טויט;
און האָסט דעם וועג פון אונזער קורצן דויער
די עדות דיינע נישט פאַרטרויט.

וואָס ווען מיר פאַר אייניקלעך דאָ לאָזן,
חוץ בלינדקייט און דעם טרויער פון פאַרגיין?
מיר זענען בלינד און הפקרדיק ווי גראָזן,
אין אונזער גרויסקייט — אַזוי קליין.

וויאַ דעלאָראָזאַ

דאָס איז דער וועג פֿון ליידן און געוויין,
וווּ איטלעכער פֿון אונדז מוז גיין.

פֿון מיסיסיפּי ביזן ניל, פֿון גאַנגעס ביזן דניעפּר —
איין שווערער וועג, איין בלוטיק־רויטער סטעפּ.

ס'איז יעדער טאָג אַ קרייץ. אַ נאָגל יעדע שעה
און יעדע נאַכט אַ הונגעריקע קראָ.

מיר גייען אויס און ווידער אויפֿצושטיין —
צו בלוטיקן, צו טרויער און געוויין.

אַ קול ביינאַכט

גאָט, דו האָסט צו משהן זיך אַנטפּלעקט אין פלאַם
פון סנה;
און אין די הייסע מדבר־זאַמדן האָט מאַכמעד
געפונען דיינע טריט — —
איצט שטיי איך דאָ, אַ פּשוטער, ווי דזשאָזעף סמיט,
ביים פענצטער אין דער נאַכט
און זוך דיך פאַר אַ שוץ אַנטקייגן זיך אַליין,
ווען ס'האָבן אַלע שרעקן פון דער גרויסער וועלט
געלייגט זיך אויף מיין האַרץ, אויף מיין געביין.

ווי גוט איז אויסצוגיין אויף דעם געלעגער פון דער נאַכט
מיט דעם באַוווסטזיין, אַז מען איז נישט דאָ אַליין;
אַ חבר אין די גרויסע, ברייטע ערד צום קליינעם שטיין,
דער גראַנדיעזער ים צום קליינעם וואַסער־טראָפּ — — —
גאָט, גאָט, דיין צייכן ווייז אַצינד אין נאַכט
און מיט אַ ליכט־קרייז היל אַרום מיין מידן קאָפּ.

יעקב און רחל

ס'האָט יעקב זיין רחלען געפונען,
שעפנדיק וואַסער פון ברונען

אַזויווי דאָס וואַסער פון ברונען
איז לויטער — — —
אַזוי איז אויך לויטער די ליבע
פון יעקב און רחל.

אַזויווי די וואַסערן אַלע
און שטראָמען,
וואָס רייסן זיך דורך אַלע פעלזן
און גיסן אין ים זיך —

אַזוי פליסט די לויטערע ליבע,
די ליבע
פון יעקב און רחל — אין אונז זיך,
אין אונזערע הערצער.

ווי איך

אַט אַזוי ווי איך אין דער שטילער שעה,
לעבן פענצטער דאָ אין דער אָוונט־שעה,
וואַרט די גאַנצע וועלט.

אַט אַזוי ווי איך זיצט אַ זולו מיד
אין זיין שטרוי־געצעלט — און באַטראַכט די וועלט,
ווען די זון פאַרגייט.

אַט אַזוי ווי איך בעט אַ הינדו שטיל
אין זיין אָוונט־ליד, מיט אַ קראַנק געמיט,
צו דער אייביקייט.

אַט אַזוי ווי איך אין דער דעמער־שעה
קניט אין רויט און גרוי אַן אינדיאַנער־פרוי
פאַרן טויטן טאָג.

אַט אַזוי ווי איך, איטלעכער אַליין
טוליעט זיך אין נאַכט צו דעם האַרץ, וואָס וואַכט
איבער מענטש און ערד.

הייליק

יעדער איז אַ הייליקער צמאָל...
אַ ווייל... אַ שעה... אַ רגע...

אַ פינסטער האַרץ לייכט אויף
צו זון, צו גאָט, צו מענטש.

אַ שוואַרצער בליק ווערט העל,
ווי בליץ דורך דיקער כמאַרע.

די קערנדלעך אין שוואַרצער ערד,
פאַרעמען די גוטע רגעס זיך.

פון פינסטערניש

פון שטאָק פינסטערניש גייט אויף מיין זעל,
ווי אַ בלינדע וועל,
וואָס רייסט פון וואַסער-לייב זיך
איבער ברעג —
צו צינדנדיקע-שווינדנדיקע
גאָלד און זילבער-טעג.
אַזוי רייסט מיין זעל זיך
פון איר חושך-ים
צו בלענדנדיקע זונען
פון גאָטס פלאַם.

ז׳

צווישן מיר און גאָט — איר פלאַטערדיק געשטאַלט,
וואָס איז מיר אויפגעגאַנגען אַזוי אומגעריכט,
איז אפשר ז י דיין נס, איז אפשר ז י דיין ליכט,
וואָס האָט מיין זעל באַשטראַלט?

גערופן האָב איך ד י ך, מיין גאָט פון טיפן תהום
און ז י געענטפערט האָט מיין ווייטיקדיקן רוף —
איצט צאַפּלט פלאַקערדיק אין אירע הענט מיין גוף,
ווי אינם פלאַם דער בוים.

איז ז י דער סנה, וואָס דו האָסט אויפן וויסטן וועג
פאַר מיר געצונדן מיט דיין שרפהנדיקן פלאַם —
איז ז י דער צייכן, וועלכער פירט דורך לאַנד און ים
צום ערשטן-לעצטן ברעג?

רעדסטו צו מיר איצט מיט איר טרייסטנדיקער שטים,
נעמסטו מיך איצט אַרום מיט אירע ווייסע הענט?
צי שיידן אירע אָרעמס מיך פון דיר, ווי ווענט,
אויף אייביק, אלוהים?

איי ווינקל

קאַנאָנען האָבן שרפות אויף דער וועלט געפּלייצט.
פון הויך ביז ים-גרונט האָט דער חורבן זיך געשפּרייט —
אין יעדן-האַרץ האָט אויסגעלאָשן זיך די פרייד
און אימה האָט פון יעדן בליק געשטאַרט.

די וועלט האָט חרוב זיך געוואַלגערט ביי גאָטס פיס —
פאַרבלוטיקט, אַ צעריסענע אין טויזנט שטיק.
און מיטאַמאָל האָט לויטער אויפגעשטראַלט דער בליק
ביי איינעם, אַ קליין מענטשעלע, אויף דר׳ערד.

און אויפגעהויבן האָט זיך ס׳מענטשעלע פון אָרט,
ווי פאָלגנדיק אַ ווייטן און געהיימען רוף —
און וויגנדיק אין לופט זיין לייכטן, דינעם גוף —
אין ווייטסטן ווינקל דאַווענען זיך געשטעלט.

אין דרויסן האָבן די קאַנאָנען ווילד גערוישט,
נאָר ס׳האָט דער רויש זיין שטילן ווינקל נישט דערגרייכט.
די אימה פון דער גאָרער וועלט האָט דאָרט פאַרבלייכט,
ווו ס׳האָט אַ האַרץ זיך אויפגעמאַכט פאַר גאָט.

ביים האָדסאָן

ביים גאַנגעס פלאַטערט בודאַס וואָרט,
ביים ווייסל האָב איך עס דערהערט.
איצט זיך איך דאָ ביי האָדסאָנס באָרט,
אין בודאַס רייד פאַרקלערט.

די פּאַליסאַדן ברענען רויט
אין פייער פונם זונפאַרגאַנג.
איך זע: פון טייך שטייגט־אויף דער טויט —
אין מיר גייט־אויף געזאַנג.

אַ שיכורער מאַטראָס ביים ברעג
שרייט ווילד און פאָכעט מיט די הענט — — —
דער לעצטער טאָג פון מיינע טעג
ווערט איצט אין זון פאַרברענט.

ביים זונפֿאַרגאַנג

די קני פֿאַרבייגן זיך אַליין
ביים זון־פֿאַרגיין.
און ווילסטו בעטן אָדער נישט —
אַן ווערטער בעט דײַן גאַנץ געמיט.
און האָסטו יאָ, צי נישט אַ גאָט —
דו ביסט אַ סוד אין גרויסן סוד.
און הייליק איז ביים זון־פֿאַרגיין —
צי בעטסטו גאָט, צי זיך אַליין.

טאַטע

דורך די וועלטן — אַ געשריי:
טאַטע!
טאַטע, טאַטע! פֿאָטער! ווײַ!
טאַטע!

צו די הימלען — וואַלד מיט הענט
טאַטע!
ס'ווײַנען פֿינגער, ס'שרײַען ווענט:
טאַטע!

און די חיות אין דעם וואַלד
שטומע —
ברומען זייער שטום געוואַלט:
טאַטע!

ביימער שטרעקן זיך מיט צער,
מאַטע — —
פֿעלזן גלאָצן שטיל און שטאַר:
טאַטע!

מענטש און חיה, שטיין און ברויט —
תפלה.
ס'קלאָגט דער רוים און ס'שרייט דער תהום:
טאַטע!

גאָט דער איינזאַמער

צווישן אַלע איינזאַמע ביסטו דער איינזאַמסטער, פאַרלוירנסטער
מיין גאָט!
דו גרויסער איינזאַמער, איך זע דיך אָפטמאָל בלאָנדזשענדיק
פאַרוויירט, צווישן איילנדיקע מענטשן־מענגעס אין דער שטאָט.

איך זע דיך שפּאַנענדיק אַליין ביים ברעג פון טייכן,
אין וואַלד אַמאָל, אויף אָפּגעלייגטע, טרויעריקע שטעגן.
און איינמאָל האָב איך דיך געזען ביינאַכט אין שטורעם־רעגן,
שטיל־ציענדיק דורך גאַסן און בולוואַרן.

דו גרויסער איינזאַמער, געראָפענער צו שאַפן אייביק,
געוואָרפענער אויף אייביק צו צעשטערן —
דו צינדסט־אָן לעבנס און דו לעשט זיי אויס ווי קנויטן,
דו צינדסט און לעשט־אויס שטערן און באַגערן.

דו גרויסער איינזאַמער, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן
אין אונז נשמה־קנויטן — און אין אונזערע נשמות
אַ נישט־געשטילטן דראַנג און נישט־פאַרגייענדיקן טרויער:
ווער האָט אין דיר געצונדן ווילן,
דו זאָלסט פאַר אומבאַקאַנטע צילן,
באַשאַפן אונז, אויף קורצן דויער?

די גרעסטער איינזאַמער, פֿאַרמשפּטער אויף אייביקייט,
מיר ראַנגלען זיך אין גענץ פֿון ווערן און נישט־ווערן —
דאָך וועלן מיר, ווי איוב, קריגן דיר אין צאָרן זיך נישט הייבן
נאָר טראָגן שותּפֿותדיק מיט דיר דיין צער און טרויער
און מיט פֿאַרגעבונג קומען צו דיין טויער,
פֿאַרנייגנדיק זיך שטיל, מיט זון און שטערן.

דער סנה

איך האָב געזען דעם פֿלאַקערדיקן דאָרן
בײַם ראַנד פֿון נאַכט און הימל, גאָט —
אַ מויער־ריז פֿון זעכציק גאָרן,
מיט פֿלאַם באַלויכטנדיק די שטאָט.

אַ סנה מיט לאַבירינטן־קאָרידאָרן
האָט מיט דײַן שײַנקײט זיך צעברענט,
און כ׳האָב דײַן ברענענדיקן צאָרן
אין פֿלאַם אין העלישן דערקענט.

דו האָסט אַ זעכציק־גאָרנדיקן פּאַקל
הויך אויפֿגעהויבן איבער מויערן און הענט.
און כ׳האָב געהערט דײַן קול: „אין פֿלאַם איז דער סך־הכּל,
אין פֿײַער ברענט דער אָנהויב און די ענד!“

געצנדינער...

אין פייער פון דער זון
און אין דער בלייכער שיינקייט פון דער לבנה
האָבן די אור־זיידעס מיינע
געזען דיין פנים, גאָט.

אין אומרו פון דעם ים,
אין שליידער פון די הערלעכע און פלינקע בליצן
און אין שטורם האָבן זיי
געהערט דאָס קול דיינס, גאָט.

דיין כוח האָט צו זיי אנטפּלעקט זיך
אין וואָיענדיקער חיה
און אין דער שטאָלצער מאַיעסטעטישקייט פון דעמבעס
און אין די פעלזן, גאָט.

און בין איך דען נישט, גאָט,
אַ געצנדינער ווי די זיידעס אַלע מיינע
זע איך דאָך און הער, ווי זיי,
דיין קול און כוח אומעטום.

מיט ערפורכט בויג איך שטיל
מיין קאָפּ פאַר זון, פאַר בוים, פאַר בערג און שטערן.
איך קני ביים ברעג פון ים
און זע אין וואַסער דיין געזיכט.

איך זע דיך, גאָט, פאַרויס
פון סובמאַרין און אַעראָפּלאַנען;
איך זע דיין חכמה לייכטן
פון עלעקטרישן לאָמפּ.

לאָמיר דאַוונען

מיר זענען דאָך די קראַנקע ווערים אין דער וועלט
און די וועלט איז קראַנק אין אונזער יעדן גליד;
עס ווייַנט אין אונז די פרייד, וואָס האָט נישט אויפגעבליט —
לאָמיר דאַוונען און אַלץ פאַרגעסן.

אַזוי פיל פרייד פאַרזייט, אַזוי פיל גליק פאַרפלאַנצט.
און ס'גייט נישט אויף אין אונז. עס איז די ערד אונז האַרט.
מיר שטייען פאַר דער גרויסער וועלט פאַרשעמט און אָפּגעבאַרט—
לאָמיר דאַוונען און אַלץ פאַרגעסן.

אויף אונזער ווייסער ערד, וואָס איז אין אונז צעשיט,
זיך שאָטענען פאַרבראָכענע און אבלדיקע הענט.
גאָט האָט אונז דאָ אַהער געשיקט און האָט אונז גישט דערקענט—
לאָמיר דאַוונען און אַלץ פאַרגעסן.

אַמאָל איז עס...

אַמאָל איז עס דער בעל־שם־טוב,
אַמאָל בודאַ אָדער זאַראַדושט —
און אַמאָל אַ פּשוט האַרציק מיידל,
וואָס דו האָסט געקושט.

אויף יעדן וועג, אין דאָרף און שטאָט,
און אויך אין געשטאַלטן אַלערליי
נעמט ווער אויף דיין אויפגעיערטע בענקשאַפט
און דיין שטיל געשריי.

לאָמיר זיך שוין איבערבעטן

לאָמיר זיך שוין איבערבעטן, גאָט.
מיין האַרץ איז רויט געעפנט פאַר דיין גנאָד.

מאַך ווידער מיין געביין פאַר אַ געפעס
פון דיין גרויסן רצון, פון דיין נס.

אויפלויכטן זאָל דאָס האַרץ מיינס אומגעריכט
מיט דיין לויטערדיקן, חסדיקן ליכט.

צינד־אָן די לעצטע שעה מיר אַזוי שיין,
כ'זאָל פאַרשטיין־און כ'זאָל פאַרשטייענדיק פאַרגיין.

פון אַן אומבאַקאַנטן כינעזישן דיכטער

איך גלויב אין טיפן בלאָען הימל
און אינם שמייכלדיקן וואַסער.

איך זע דורך די געדיכטע וואָלקנס
און ס׳שרעקט מיך נישט דער ים דער גרויסער.

איך גלויב אין דער לעבעדיקער פריינטשאַפט
פון בלומען און פוןביימער.

כ׳האָב ליב די שמאָלע שטעגלעך אין די וועלדער
און כ׳האָב ליב דאָס שורשקען פון די בלעטער.

איך גלויב, אַז די טעג, וואָס דאַרפן קומען,
פילן שוין די וווּנדער פון די טעג,
וואָס זענען שוין פאַרגאַנגען.

איך גלויב— און איך האָב ליב מיין גלויבן—אין אָט די אַלע זאַכן
און נאָך מער גלויב איך אין — און האָב ליב —
דעם מקור פון מיין גלויבן און מיין ליבע.

פון זענד-אורעסטאַ

1

דאָס פרעג איך דיך אָ אַהוראַ, זאָג מיר וואָר:
ווען ס'האַרץ איז פול מיט ליוב-געזאַנג —
ווי קאָן מיין ליוב זיין פול צו איינעם
אַזוי ווי דו, אָ, מאַזדאַ?
מאַך וויסן דאָס צו מיר, דיין פריינט
כדי דורך דיין רעכטפאַרטיקייט אין אונז,
זאָלסטו אונז העלפן;
כדי דו זאָלסט צו אונז דערנענטערן
זיך קאָנען
דורך דיין חכמה אין אונזער זעל.

דאָס פרעג איך דיך אָ, אַהוראַ, זאָג מיר וואָר:
ווער איז אין צייט-געלויף געווען
דער ערשטער פאָטער פון דעם וועלטן-סדר?
ווער האָט באַשטימט פאַר זון און שטערן
זייער וואַנדער-וועג?
ווער האָט איינגעריכט לבנהס אָנקום
און פאַרשווינדן אויב נישט דו?

אָ, די אַלע זאַכן, גרויסע שטערן,
מאַך וויסן מיר.
און אַנדערע, ווי איך.

דאָס פרעג איך דיך אָ, אַהורא, זאָג מיר וואָר:
ווער האַלט אונטן אויף די ערד
און די וואָלקנס אויבן — אַז זיי זאָלן
קיינמאָל נישט פאַלן?
ווער האָט געמאַכט די וואַסערן און פלאַנצן?
ווער האָט אונטעריאָכט צום ווינט
די שטורעם־וואָלקנס, און די שנעלע,
שוועבנדיקע וואָלקנס אויך?
און ווער דערוועקט מחשבות גוטע
אין אונזער זעל?

דאָס פרעג איך דיך, אָ, אַהורא, זאָג מיר וואָר:
ווער, ווי אַ געניטער קינסטלער, האָט געמאַכט
דאָס ליכט און ס'פינסטערניש?
ווער, ווי אַ געניטער האָט געמאַכט דעם שלאָף
און דאָס דערקוויקעניש פון וואַכע שעהן?
ווער שפרייט אויס די באַגינענס.
מיטאָג־שעהען און די מיטנאַכט?
און קאָנען תפילות אונזערע באמת
פאַרגרעסערן די הייליקייט
פון די מעשים אונזערע?

2

לויב, געזאַנג און ליבע
ברענגען מיר, אַהוראַ-מאַזדאַ,
דיר, דעם גערעכטן און דעם בעסטן.
גוט איז דיין קעניגרייך, אָ, אַהורא-מאַזדאַ!
און אַ גוטער קעניג ביסטו איבער אונז!
זאָל יעדער מאַנספערשוין פון אונז
און אַזוי אויך יעדעס ווייב
געהאָרכן דיך,
אָ, דו לייטזעליקסטער פון אַלע וועזנס
און פון ביידע וועלטן!

זיי צו אונז — דאָס לעבן
און די קראַפט פון אונזער גוף,
אָ, אַהוראַ-מאַזדאַ!
אין דיין שיינקייט
און דורך דיין ווילן
זענען מיר דאָ מעכטיק.
קום צו אונז מיט הילף
און מיט דערלייזונג, דו לייטזעליקסטער
פון אַלע וועזנס
און פון ביידע וועלטן!

פון נייעם טעסטאַמענט

(יוחנן)

1

אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט
און ס׳וואָרט געווען איז — גאָט ;
און גאָט געווען איז — ס׳וואָרט.
אַלצדינג — אויף יעדן טראָט,
דאָס נאָענטסטע — ווייטסטע אָרט,
איז פון דעם וואָרט געוואָרן,
די לופט, די רויז, דער דאָרן —
אָן וואָרט וואָלט נישט געוואָרן
דאָס אַלץ, וואָס איז געוואָרן.

2

דאָס וואָרט געווען איז — לעבן
און אינם לעבן — ליכט.
אַ ליכט, וואָס זאָל באַלייכטן
ערדס פינסטערע געזיכט.
אין ס׳שיינט דאָס ליכט אין חושך,
אין הויך אין טיפסטן שיכט.

נאָר פינסטערניש בלייבט פינסטער
און ליכטיקייט בלייבט ליכט.

3

דאָס וואָרט איז פלייש געוואָרן,
אַן אָדערדיקער גוף —
און צווישן אונז דער גוף האָט
געיאָמערט מיט גאָטס רוף.
מיר האָבן מיט דערשטוינען
זיין הערלעכקייט געזען:
און יוחנן געזאָגט האָט:
דאָס וונדער איז געשען!

פון קאָראַן

(ס׳ערשטע קאַפּיטל)

אין נאָמען פון גאָט,
וואָס ער איז פול מיט חסד און רחמנות!
לויב צו גאָט, דעם האַר,
דער רחמנותדיקסטער און דערבאַרעמדיקסטער,
דער הערשער אינם טאָג פון משפט.
צו דיר אַליין נור דינען מיר
און פון דיר אַליין נאָר ווילן מיר געהאָלפן ווערן.
פיר אונז אויפן גלייכן וועג —
דער וועג פון די, וואָס ביסט צו זיי
געווען גענעדיק —
נישט פון די, וואָס דו ביסט צאָרנדיק
אויף זיי,
נישט פון די אָפּטריניקע.
אמן.

דײַם זינדערס תּפֿילה

(אַראַביש)

אָ, דו, וואָס דו ווייסט איטלעכע מחשבה
אין הערסט יעדעס געשריי,
וואָס דו ביסט דער קוואַל פֿון אַלץ, וואָס איז
און אַלץ, וואָס וועט זײַן,
וואָס דו ביסט די איינציקע האָפֿנונג
אין יעדער צרה,
די איינציקע הילף אין יעדן פּיין
און וויי,
וואָס דײַנע אוצרות פֿון גענאָד
און שעפֿערישע רייד
זענען איינס —
גאָט פֿון אַלץ, וואָס איז גוט,
פֿאַרנעם מײַן תּפֿלה!

אײַן-איינציק געבעט האָב איך בלויז —
מײַן באַדערפֿעניש פֿון דיר.
אָבער דאַרפֿנדיק דיך, איז מײַן געבעט
דערפֿילט.
איך שטיי און קלאַפּ אין דײַן טויער
און אויב דו דערהערסט מיך נישט

בײַ דײַן חסד־טויער,
צו וועמען זאָל איך גײן?
צו וועמען זאָל איך רופֿן,
וואָסער נאָמען זאָל איך שרײַען,
אויב דײַן קנעכט זאָל אומזיסט דײַן חסד בעטן?
אָבער דער גאָט פֿון חסד קאָן נישט אָפּקערן זיך
פֿון זינדערס תּפֿילה.

מיט צער שטײ איך בײַ דײַן טיר,
גלייבּיק, אַז דער צער פֿון תּפֿלות
מוז דיך גרײכן.
גלייבּיק שטרעק איך מײַנע הענט
צו דיר.
און מיט מײַן גאַנצער זעל קוק איך אַרויף
צו דיר.
באַשיץ מיך גאָט,
פֿון מײַן צער
און שפּרייט דײַן גנאָד
איבּער מיר.

IV

מענטשעלעך אונטער די טישז

(קינדער לידער)

געצעלע=פלעצעלע

געצעלע-פלעצעלע
שמ'ט אויף דער וועלט:
אַ ייִנגל — אַ פּייער,
אַ מזיק, אַ העלד.
אַ״ן קאָן ער, אַלץ ווייסט ער,
ס'איז גאָרנישט אים שווער:
דערלאַנג אים נאָר ברעטלעך
מיט טשוועקלעך אַהער.
באַלד מאַכט ער אַ שיפל
און לאָזט זיך העט-העט,
דורך טייכן, דורך ימען,
דורך לענדער און שטעט
און זאָל ער נאָר פעדערן
האָבן אַ סך —
באַלד מאַכט ער זיך פליגל
און פליט ביזן דאַך,
און העכער פון דאַך נאָך
צום וואָלקן, דאָרט וייט;
דאַן צו דער לבנה
איין שפרונג-און ער רייט.

אזוי־אַ, פֿאַרזיכערט
ער אײך — אָט אַזוי !
און בלאָזט זיך באַלאָנען
דערווײַל דורך אַ שטרוי.
געצעלע־פּלעצעלע !

געצעלע־פּלעצעלע
איז שטענדיק אין גאַס
און ווער נאָר עס זעט אים
און הערט אים — האָט שפּאַס.
ער מאַכט־נאָך דאָס זשומען
פֿון בין און פֿון פֿליג,
ער קרײַט ווי אַ הענדל
און שפּרינגט ווי אַ ציג.
ער בילט ווי אַ הינטל
און וויינט ווי אַ קינד ;
ער ברומט און ער וואָיעט
אַזוי ווי דער ווינט.
ער מעקעט און בעקעט
און קלאַפּט אין אַ טאַץ ;
און מיאַוקעט, אַז ס׳דאַכט זיך —
עס מיאַוקעט אַ קאַץ,
ער מאַכט־נאָך ווי פֿײגעלעך
עפּן — פּיק־פּיק !
ער רײַט אויף אַ בעזעם

און גייט אויף אַ שטריק.
ער גלאָצט ווי אַ גזלן
די אויגן — אַ שרעק!
דאַן ווייזט ער דאָס צינגל
און לויפֿט זיך אַוועק. —
געצעלע־פּלעצעלע!

עס קוקן די קינדער
פֿון נאָענט און ווייט;
זיי פּאַטשן די הענטלעך
און אַלעבעס שרייט:
געצעלע־פּלעצעלע!

פייגעלעך אין שטאָט

1

אויטאָס, וועגענער און פערד,
הין־צוריק און הין־צוריק;
און גאָר פלוצים — פייגעלעך:
פּיק־פּיק־פּיק!

צווישן שווערע וועגענער,
צווישן גרויסע פערד —
קליינע, קליינע פייגעלעך
אויף דער ערד.

א שיר ווי אַ ברעקל ברויט,
א שיר ווי אַ ריין?
קליינע פייגעלעך אין שטאָט
זוכן שפּיין...

2

אַ שיינעם דאַנק אייך, פייגעלעך,
פאַר דעם באַזוך;

איר ברענגט צו אונז אין שטאָט אַריין
אַ פעלד־געררך.

אַ שיינעם דאַנק אייך, פייגעלעך,
פאַר דעם געזאַנג;
עס איז אונז אין דער גרויסער שטאָט
אַ ליב געשאַנק.

דעם יינגלס שאָטן

נעבן שטעטל לויפט אַ טייכל
מיט אַ זוניק־ליבן שמייכל,
שטיל און ערנסט און באַדאַכט;
נעבן טייכל— פריש פון וואַסער—
שטייט אַ יינגעלע — אַ נאַסער —
מוטער־נאַקעט און פאַרטראַכט.

צו דעם וואַסער אָנגעבויגן,
מיט אַ מורא אין די אויגן,
קוקט דאָס יינגעלע און קוקט
ווי זיין שאָטן ליגט אין וואַסער
וויגט זיך, וואַרפט זיך אום אַ נאַסער,
שווימט אַרויס און ווערט פאַרצוקט...

שרייט דאָס יינגעלע צום שאָטן:
„שאָטן, איך וואָלט דיך געראָטן,
זאָלסט פון טייכל שנעל אַרויס
און אַ היים מיט מיר צוזאַמען
זאָלסטו גיין צו טאַטע־מאַמען,
ווייל עס גייט די זון באַלד אויס“.

נאָר דער שאָטן בלייבט אין וואַסער,
וויגט זיך, וואַרפט זיך אים אַ נאַסער
און דאָס וואַסער זינגט און פּליסט;
נעמט דאָס ייִנגל מער זיך שרעקן:
הויבט ער אָן די הענטלעך שטרעקן:
„קום, איך בעט דיך!״... נאָר אומזיסט.

ס׳קליינע טייכל שטראָמט און זינגט זיך
און דעם ייִנגלס שאָטן טרינקט זיך
און דאָס ייִנגל טראַכט מיט צער:
„אָן אַ שאָטן וועל איך בלייבן,
אַלע וועלן שפּאַס נאָך טרייבן
און מיך רופן „ייִנגל־נאַר״...

פּלוצים נעמט ער לויפן, יאָגן,
ווי אַ ווייכער שנעל זיך טראָגן,
אָט אַ נאַקעטער, אַזוי —
צו דעם שטעטל, ווי אַ ווילדער,
מיט געשרייען און געפילדער:
„מענטשן, ראַטעוועט, אוי־אוי!״

לויפט מען אָן פון אַלע וועגן,
הייבן מענטשן אָן צו פרעגן:
וואָס? און ווער? און זאָג אונדז וווּ! —
און דאָס ייִנגל, נאָך אַ נאַסער,

שפּאַמלט: „טרינקט זיך... דאָרט... אין וואַסער..."
און צעכליפּעט זיך דערצו...

וואַרפט דער העקער באַלד זיין העקל
און דער טרעגער וואַרפט זיין פּעקל,
דער ציגיינער לאָזט זיין בער;
און דער קרעמער לאָזט זיין קרעמל
און דער בעקער לאָזט די זעמל
און דער שניידער לאָזט די שער.

אָט־אָ זעט זיך שוין דאָס טייכל
מיטן זוניק־ליבן שמייכל —
און דער עולם, מיד און מאַט,
גיט אַ וואָרף זיך באַלד צום וואַסער:
„היי, דו ייִנגל, היי דו נאַסער —
וויִז דאָס אָרט אונז אַקוראַט!"

און דאָס ייִנגעלע — אַ בלאַסער —
בייגט דערשראָקן זיך צום וואַסער
און ער שרייט מיט שמחה אויס:
„אָט־אָ איז ער נאָך, מיין שאָטן,
וועלכער איז אין מיר געראָטן —
ראַטעוועט אים שנעל אַרויס!"

לאַכט פונאַנדער זיך דער עולם:

„קלײנער לעקיש, נאַסער גולם!
אונז אומזיסט געשלעפּט אַהער!" — —
לויפט דער העקער צו זײַן העקל
און דער טרעגער צו זײַן פּעקל
און דער שנײַדער צו זײַן שער.

אַלע לויפן, אײַלן, יאָגן,
פּונקט ווי פון אַ ווינט געטראָגן, —
ווער האָט צײַט אינמיטן וואָך?
נאָר דאָס ייִנגעלע — אַ נאַסער —
בלײַבט אַ נאַקעטער בײַם וואַסער
און ער שטײט דאָרט איצטער נאָך...

פרילינג

ס׳איז פרילינג, ס׳איז פרילינג
עס קלינגט אינם וואַלד
אַ ליד, ווי פון טויזנטער האַרפן
איר, קינדערלעך ליבע,
איר זאָלט נישט קיין שטיין,
קיין שטיין אין קיין פייגעלע וואַרפן.

די פייגעלעך דאַרפן
צו לעבן ווי מיר,
אויך פייגעלעך האָבן אַ מאַמען:
לכבוד דעם פרילינג
זיי זענען צו אונז
געקומען פון איבער די ימען.

ס׳איז פרילינג, ס׳איז פרילינג
און פול איז דער פּאַרק
מיט בשמים, וואָס שוועבן אין לופטן;
צעטרעט נישט, און רייסט נישט
קיין בלימעלעך אויס,
לאָזט בליען די בלומען און דופטן.

די פייגל, די בלומען
באַשיינען די וועלט,
מיר דאַרפן זיי דאַנקען און בענטשן:
דער פרילינג טיילט פריידן
פֿאַר אַלעמען גלייך —
פֿאַר פייגל, פֿאַר בלומען, פֿאַר מענטשן

ביינאַכט

לאָמיר גיין מיט שטילע טריט,
קיינער זאָל נישט הערן;
לאָמיר נישט דעם זיסן שלאָף
פון די מידע שטערן.

אפשר טרוימט אַן אַלטער מאַן
װעגן יונגע יאָרן,
און ער איז אין טרוים אויפסניי־
יונג און שטאַרק געװאָרן.

אפשר טרוימט אַן אָרעם קינד
װעגן ברויט מיט פוטער,
און עס טוליעט זיך אין שלאָף
צו דער קראַנקער מוטער.

אפשר טרוימט אַ קראַנקער מענש
פון געזונט און לעבן;
און עס קומט צו אים די נאַכט
אַ רפואה געבן.

ס'האָט דער שלאָף באַפרייט די לייט
פון דעם לעבנס שרעקן, — —
לאָמיר גיין מיט שטילע טריט,
לאָמיר זיי נישט וועקן.

וווּ קומט אַהין?

פּוף-פּוף-פּוף! עס זעצט אַ רויך,
פון די קוימענס זעצט אַ רויך.
וווּ-זשע קומט אַהין דער רויך,
וווּ פאַרשווינדט אין דער הויך?

פּוך-פּוך-פּוך! עס פאַלט אַ שניי,
פון דעם הימל פאַלט אַ שניי.
וווּ-זשע קומט אַהין דער שניי,
וווּ פאַרשווינדט ער איינס און צוויי?

הוּ-הוּ-הוּ! עס יאָגט אַ ווינט,
פון די וועלדער יאָגט אַ ווינט.
וווּ זשע קומט אַהין דער ווינט,
ווען עס ווערט דאָס וועטער לינד?

טשי-טשי-טשי! אַ פויגל פליט,
פון דער ווייט אַ פויגל פליט.
וווּ-זשע קומט אַהין דאָס ליד,
ווען דאָס פויגעלע פאַרפליט?

מיינע געסט

קומט אַ פּוכיק־ווייסע טויב,
פּיקט אין פּיקט ביי מיר אין שויב:
כ׳קום אַצינד פון ווייטן וועג,
כ׳בין געפלויגן נעכט און טעג
און געליטן הונגער־נויט,
גיב־זשע מיר אַ ברעקל ברויט.
גיב איך איר אַ ברעקל ברויט.

שוועבט אַ שמעטערלינגל צו,
שוועבט אַהין, אַהער — אָן רו:
לאָז מיך, גוטער מענטש, אַריין,
לעבן קאָן איך נישט אָן שיין
און דער אָוונט רוקט זיך צו,
שענק מיר ביי דיין לעמפּל רו.
שענק איך אים ביים לעמפּל רו.

שטייט אַ קעצעלע ביים טיר,
קוקט, אַן עלנטע אויף מיר:
מיאַו, מיאַו, מיאַו! אינדרויסן גייסט,
אָן־אויפהער דער רעגן פליסט.

לאָז מיך אין דיין שטוב אַריין,
לאָז מיך ביי דיין אויוון זיין.

גייט פאַרביי אַן אַלטער מאַן,
קוים ער גייט, אַ שפאַן, נאָך שפאַן:
כ׳האָב קיין שטיבל נישט, קיין דאַך,
מיד און מאַט פון גיין אַ סך
און דער אָוונט איז שוין שפעט,
לאָז מיך רוען אין דיין בעט.
לאָז איך רוען אים אין בעט.

זאָג איך מיינע געסט: „גוט נאַכט!"
לייג איך זיך אין בעט און טראַכט.
הער איך: שמעטערלינגל זשומט,
טייבל וואָרקעט, טייבל ברומט,
און דאָס קעצל ליגט און האָרכט
ווי דער מאַן, דער אַלטער, שנאָרכט.

יאַנקעלע

די גאַס — אַזוי גרויס
נאָך גרעסער — דאָס פעלד;
און גרעסער אַ סך
פון זיי איז די וועלט.

די וועלט — אַזוי גרויס,
קאָנסט פאָרן און גיין;
נאָר יאַנקעלע איז
אַ פּיצעלע - קליין.

ס'איז יאַנקעלע קליין,
נאָך קלענער געוויס
איז ס'קעצל וואָס קריכט
ביי איטלעכנס פיס.

דאָס קעצעלע — קליין,
נאָך קלענער די מויז
וואָס גראָבלט און גראָבט
און נישטערט אין הויז.

דאָס מייזעלע — קליין,
נאָך קלענער די פליג,
וואָס זשוזשעט און זשומט
זשו-זשו און זשיג-זשיג!

איז יאַנקעלע שטאָלץ —
ער איז אַזוי גרויס!
אַ ריז קעגן פליג
און קעצל און מויז.

נו, גייט ער אַרום
פאַריסן די נאָז
און טראַכט: איך בין שטאַרק!
איך בין — באַלעבאָס!

באַפעלט ער דער קאַץ,
צו כאַפן די מויז,
נישט פּוילענצן גלאַט
ביי אים דאָ אין הויז.

דאַן יאָגט ער די פליג,
אַז ס'גייט אַזש אַ רויך —
און וואַרפט איר אַ שוך
און ס'היטעלע אויך.

פאַלט-אָן אַזאַ שרעק
אויף קאַץ און אויף מויז;
און ס׳פליגעלע פליט
פון פענסטער אַרויס.

איז יאַנקעלע שטאָלץ
און גרויס מיט זיין זיג;
דאָך איז ער אין האַרץ
מקנא די פליג.

מקנא די פליג,
וואָס פליט, ווו זי וויל;
צעוויינט ער זיך גאָר —
הייסט מאַמע זיין שטיל.

קומט פליגעלע צוריק
און גלייך אויף זיין נאָז — —
און זשומט אים: נו, ווער
איז דאָ באַלעבאָס?...

אַ מעשה מיט אַ בוים

I

איז אַ בוים אין וואַלד געשטאַנען,
אַזאַ הויכער, אַזאַ שיינער;
פֿעסט און זיכער מיט זיין גבורה,
צווישן טויזנט ביימער — איינער.

תמיד פֿלעגט ער מונטער טרייסלען
זיינע גרינע בלעטער־לאָקן;
און קיין שטורם און קיין דונער
האָבן נישט זיין האַרץ דערשראָקן.

ווי אַ בוים און ווי אַ ביימל,
פֿלעגן אַלע שטאַרק אים אַכטן;
איז אַ מענטש פֿאַרבייגעגאַנגען,
פֿלעגט ער לאַנג דעם בוים באַטראַכטן;

און דער בוים האָט מיט הנאה
זון און פֿרייד און טוי געזויגן;
פֿון דעם הימל ליכט געטרונקען,
פֿון דער ערד איר קראַפֿט געצויגן.

און מיט נחת פֿלעגט ער קוקן
ווי עס ראַיעט זיך דאָס לעבן;
ווי די פֿליגן פֿליען, זשומען,
ווי די שיינע פֿייגל שוועבן;

ווי די פֿלינקע הירשן לויפֿן,
ווי עס שפּרינגען־אום די האָזן,
ווי דאָס וועווערקעלע קלעטערט,
ווי עס רודערט אין די גראָזן.

2

נאָר מיטאַמאָל ווערט אונזער בוים
פֿאַרטרויערט־מען דערקענט אים קוים.

ער שטייט פֿאַראומערט טאָג און נאַכט,
אַן ערנסטער און שטאַרק פֿאַרטראַכט.
ער קוקט אויף הירש, ער קוקט אויף האָז,
אויף וועווערקע, אויף מילב אין גראָז

און שאָקלט אומעטיק דעם קאָפּ —
צוריק, אַראָפּ, פֿאָרויס, אַרויף, אַראָפּ.

און וואָס אַ טאָג אַלץ גרעסער ווערט
דער צער פֿון בוים — מען זעט: ער צערט.

ס׳וואָלט קיינער אפשר נישט געוווסט
דעם סוד, וואָס האָט באַשווערט זיין ברוסט.

נאָר ס׳האָט דער וועכטער, פון דעם וואַלד,
וואָס איז געווען אין יאָרן אַלט,

געוווסט די שפּראַך פון בוים און ווינט,
ווי מאַמע ווייסט די שפּראַך פון קינד.

און ס׳האָט דער וועכטער מיר געזאָגט,
אַז ס׳האָט דער בוים אַזוי געקלאָגט:

„אַז וויי איז צו מיר דאָ,
וואָס ס׳איז מיר באַשערט,
פאַרוואָרצלט אויף אייביק
צו זיין אין דער ערד.

„דער הירש לויפט אַ פרייער
אויף באַרג און אין טאָל;
עס ראַיען זיך מילבן
אין גראָז, אָן אַ צאָל.

„די וועווערקע קלעטערט
אַרויף און אַראָפּ;

עס זינגען די פייגל
ביי מיר אויפן קאָפּ.

„נאָר איך, ווי פאַרשאָלטן,
בין אייביק געשמידט;
און כ׳לאָז נישט אינערגעץ
קיין צייכן, קיין טריט.

„איך וויל זיך אויך לאָזן
אַוועק אין דער ווייט —
דורך שטרעקן, דורך לענדער,
דורך רוים און דורך צייט.

„איך וויל אויך אַ שפּרינג טון,
אַ טאַנץ טון אַמאָל;
אויף פעלזן־בערג שטייגן,
זיך לאָזן אין טאָל.

„נאָר וויסט איז דער גורל,
וואָס איז מיר באַשערט —
אויף אייביק פאַרוואָרצלט
צו זיין אין דער ערד”.

.3

אין יענער צייט געקומען איז,

מיט קראַנקע, בלוטנדיקע פיס,
אַ וואַנדערער, אַן אַלטער מאַן,
וואָס האָט געקרעכצט ביי יעדן שפּאַן
.

דער אַלטער האָט דערשלעפּט זיך קוים
צום גרויסן, וווּנדערשיינעם בוים
און דאָרט אַוועקגעלייגט זיין זאַק,
זיין שטעקן און זיין האַק און פּאַק.

און זעצנדיקביים בוים זיך מיד,
מיט שאַרפן ווי אין יעדן גליד —
האָט ער צום גרויסן בוים גערעדט
מיט טיפן צער און מיט געבעט:

„אָ, בוים, דו שיינער, הער מיך צו
און שענק מיר אין דיין שאָטן רו.
באַשיץ מיט צווייגן און מיט בלאַט
דעם מענטש, וואָס איז פון וואָגלען מאַט

„כ'האָב מיט דעם שטעקן אין דער האַנט
שוין אויסגעוואַנדערט ווי אַ לאַנד,
קיין היים איך נישט געבויט
און, ווי אַ הונט, געבעטלט ברויט.

„אָ, דיר איז ווויל! דיר איז באַשערט

צו זיין פאַרוואָרצלט אין דער ערד;
דו דאַרפסט נישט וואָגלען נע-ונד —
די ערד – זי נערט דיך צו דער זאַט.

„דו גליקלעכער, געבענטשטער דו —
וואָס קאָן דען בעסער זיין ווי רו?״ — — —
און ס׳האָט דער שלאָף פאַרוויגט אין טרוים
דעם מידן וואַנדערער ביים בוים.

*

ס׳האָט דער בוים דאַן זיינע בלעטער
אויף דעם אַלטן מאַן געשפּרייט;
און פון דאמאָלט אָן דער בוים האָט
מיט זיין גורל זיך געפרייט...

בעבעלע און באַבעלע

צי האָט איר שוין דאָס מעשהלע
פֿון בעבעלען געהערט?
צו הערען און צו הערען עס
דאָס מעשהלע איז ווערט.

ווער איז געווען דאָס בעבעלע?
נאָט זאָג איך עס אייך אויס:
אַ מיידעלע אַ קליינינקע —
אַ בעבעלע די גרויס.

אַן איינציקע ביי מאַמעלע
איז בעבעלע געווען;
האָט מאַמעלע געהיטן זי,
קיין בייז זאָל נישט געשען.

האָט מאַמעלע גערופֿן זי.
„מיין בעבעלע, מיין גאָלד״
און האָט געגעבן בעבעלען,
וואָס נאָר זי האָט געוואָלט.

נישט שווער געווען פאַר מאַמעלען
צו לויפן מיטן נאַכט
און ברענגען פאַר איר בעבעלען
אַ צאַצקעלע, אַ פּראַכט.

מיט צאַצקעלעך און שפּילכעלעך
איז פול געווען דאָס הויז —
פאַר בעבעלען, וואָס איז געווען
אַ בעבעלע די גרויס.

איז בעבעלע געוואָרן ווילד,
צעלאָזן גאָר אַ שרעק;
דאָס טעלערל פון הימל כאַטש—
נעם גיב עס איר אַוועק.

און בעבעלע דאָקומשען פלעגט
אָן אויפהער טעג און נעכט;
האָט מאַמעלע געזען דאָך,
אַז בעבעלע איז שלעכט.

איז מאַמעלע געוואָרן בייז
אויף בעבעלען דערפאַר;
געשריגן אויפן מיידעלע
„צעלאָזענע” און „נאַר”.

האָט בעבעלע אַראָפּגעלאָזט
אַ ברוגזע די נאָז;
אַנטלאָפן ווייט אין וואַלד אַריין,
געזעצט זיך אויפן גראָז.

געזעסן און געזעסן דאָרט
אַ שעה און נאָך אַ שעה;
און זיך דערווייל אַזוי פאַרקוקט
צום הימל, שיין און בלאָ.

וואָס האָט דאָס שיינע בעבעלע
אין הימל דאָרט געזען?
אַ קליין, אַ ראָזיג וואָלקנדל
איז דעמאָלט דאָרט געווען.

נו, האָט פאַרוואָלט זיך בעבעלען
אַ וואָלקנדל אויך זיין —
און שוועבן אין דער בלויער הויך
אין ווייטעניש אַריין.

און ווי עס האָט זיך בעבעלע
אין האַרץ אַזוי געטראַכט —
האָט איר דער ווינט אַ באַבעלע,
אַן אַלטינקע געבראַכט.

פיו-פיו ! געמאַכט האָט באַבעלע,
אַרויסגעלאָזט אַ רויך ;
און ס'איז דאָס קליינע בעבעלע
אַרויף באַלד אינדערהויך.

אַרויף, אַרויף איז בעבעלע
געטראָגן פון דעם ווינט ;
געוואָרן איז אַ וואָלקנדל
דאָס מיידעלע געשווינד.

געשוועבט האָט אויבן בעבעלע,
אַ גליקלעכע געווען :
אַ וואָלקנדל! ווי גוט דאָס איז! — — —
נאָר דאָ איז וואָס געשען :

אַ שטורם האָט צעלאָזן זיך —
אוי, גאָטעניו, באַשיץ ! —
און דונער קנאַק, און דונער קנאַל
און פלאַקער בליץ נאָך בליץ.

צעכליפּעט האָט זיך בעבעלע
ווי זי האָט דאָס דערהערט ;
אינמיטן רעגן איז זי אויך
אַראָפּגעפאַלן אויף דר'ערד...

דאָ האָט זיך באַלד דאָס באָבעלע
פאַר בעבעלען געשטעלט;
און לאַכנדיק דעם מיידעלע
אַ־ן נעזעלע געשנעלט.

אויס וואָלקנדל! אַ מיידעלע
איז בעבעלע צוריק;
אַריבער איז דער רעגן שוין
מיט מזל און מיט גליק.

ווייל בעבעלע אַ היים שוין גיין
צו מאַמעלען אין הויז;
איז אָבער די צעלאָזנקייט
פון בעבעלען דאָך גרויס.

דערזעט זי באַלד אַ בלימעלע
און קוקט אין דעם זיך איין;
פאַרווילט זיך איר מסתמא גאָר
אַ בלימעלע צו זיין.

און ווי עס האָט זיך בעבעלע
אין האַרץ אַזוי געטראַכט —
האָט באַלד דער ווינט דאָס באָבעלע,
דאָס אַלטינקע געבראַכט.

פּיו-פּיו! געמאַכט האָט באַבעלע,
אַ בלאָז און נאָך אַ בלאָז;
און ס'איז געוואָרן בעבעלע
אַ בלימעלע אין גראָז...

האָט בעבעלע אַ גליקלעכע
געפרייט זיך און געשטראַלט;
און האָט מיט ריחות אַלערליי
פאַרשמעקט דעם גאַנצן וואַלד.

נאָר דאָ איז אָנגעקומען גאָר
אַ ייִנגעלע אין וואַלד;
און האָט דאָס שיינע בלימעלע
אַראָפּגעריסן באַלד.

אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד,
דערנאָך אַוועק אַליין;
פון ווייטאָג איז אַזש בעבעלע
פאַרגאַנגען אין געוויין.

דאָ האָט זיך באַלד דאָס באַבעלע
פאַר בעבעלען געשטעלט;
און לאַכנדיק דעם מיידעלע
אין נעזעלע געשנעלט.

אויס בלימעלעו אַ מיידעלע
איז בעבעלע צוריק ;
און שוין ! אַ היים צו מאַמעלע
גייט בעבעלע מיט גליק.

נאָר מיטאַמאָל האָט בעבעלע
אַ שמעטערלינג דערזען ;
אַ שמעטערלינג, אַ שמעטערלינג
אַ שיינינקער געווען.

נו, האָט פאַרגלוסט זיך בעבעלען
אַ שמעטערלינג צו זיין
און פליען אין דער לופט, ווי ער,
העט-העט, שטאָט-אויס, שטאָט-איין

און ווי עס האָט זיך בעבעלע
אין האַרץ אַזוי געטראַכט —
האָט באַלד דער ווינט דאָס באָבעלע,
דאָס אַלטינקע געבראַכט.

פיו-פיו ! געמאַכט האָטבאָבעלע — — —
און איינס און צוויי און דריי
ווערט בעבעלע אַ שמעטערלינג
און שוועבט אין לופטן פריי.

שוועבט בעבעלע אַ פֿרײלעכע
פֿון וואַלד אין שטאָט אַרײַן,
פֿון שטיבעלע צו שטיבעלע
און געסל־אויס און אײַן.

דערזעט אַ האָפּטע ײנגעלעך
דעם שמעטערלינג אין גאַס;
און נעמען וואַרפֿן היטעלעך
און נעמען מאַכן שפּאַס.

וואָס טויג עס אײַך, ס׳איז בעבעלע
אַנטלאָפֿן קוים אין וואַלד
און דאָ האָט זיך דאָס באַבעלע
פֿאַר איר באַוויזן באַלד.

עס שטייט דאָס אַלטע באַבעלע
און קוקט אין איר זיך אײַן
און פֿרעגט זי: זאָג מיר בעבעלע,
וואָס ווילסטו איצטער זײַן?

צעוויינט זיך, נעבעך, בעבעלע:
אוי באָבע־לעבן, גוואַלד!
כ׳וואָלט זײַן צוריק אַ מיידעלע
בײַ מאַמעלע געוואָלט!

פּיו-פּיו! געמאַכט האָט באַבעלע
אַ בלאָז אַריין, אַרויס — —
און ס'איז שוין ווידער בעבעלע
ביי מאַמעלען אין הויז.

האָט בעבעלע צעזונגען זיך:
אוי, מאַמע-לעבן מיין,
דאָס בעסטע איז אַ קינדעלע
ביי מאַמעלען צו זיין!...

אזאַ לאַנד

צי האָט איר שוין, קינדער,
געהערט פון אַ לאַנד,
ווי ס'הענגען די קוימענס
און שטוב, אויף דער וואַנט?

דאָרט ליגן די סטעליעס,
צוליגט אויף דער ערד — —
און ס'ווערן די יינגלעך
געבוירן מיט בערד.

עס רייטן די פערד דאָרט
אויף מענטשן — גאַלאָפּ;
און איטלעכער גייט דאָרט
אַרום אויפן קאָפּ.

די פיש פליען פריילעך
אין לופטן אַרום — —
די פייגעלעך שווימען
אין וואַסערן שטום.

עס קרייען די ציגן
און ס'מעקעט דער האָן;
און שבת הייבט שטענדיק
אום דינסטיק זיך אָן.

דאָרט זענען די פליגן
ווי העלפאַנטן גרויס;
וויל עמעץ אַריינגיין —
דאַן גייט ער אַרויס.

בייטאָג איז דאָרט פינצטער
און ליכטיק-ביינאַכט;
און זעקס איז דאָרט זיבן
און זיבן איז — אַכט.

אַ לאָקש איז אַ בוידעם
און בוידעם איז — רויך;
אַן אויג איז אַן אויער
און גאָמבע איז — בויך.

טאָ זאָגט מיר, צי האָט איר
געהערט פון דעם לאַנד,
זו ס'הענגען די קוימענס
אין שטוב, אויף דער וואַנט?

יאָ, איר קאָנט זיך שווערן
אַצונד ביי די בערד,
אַז איר האָט פון יענער
מדינה געהערט. —

געהערט ווי איך האָב אייך
דערציילט — און געלאַכט —
פון לאַנד, דעם טשיקאַווען,
וואָס איך האָב פאַרטראַכט...

V

אונטער פאנען

(דראמאטישע פּאָעמע)

מאַטיאַס און אדעלאַ

אַדעלאַ (לויפט האסטיק אריין):

איך גריס דיך, מיין באשערטער!
און נישט נאָר מיט מיין אייגן וואָרט
פון ליבשאַפט און פאַרערונג,
נאָר אין נאָמען פון פיל טויזנטער,
וואָס מאַרשירן איצט אַהער
פון שטאָט-באַזאַר,
אונטער פייערדיקע חופות
פון פלאַטערדיקע פאָנען.
איבער אַלע קעפ און פאָנען
ווײַט דיין נאָמען.
אַ פלאַטערדיקער אָדלער איז דיין נאָמען
און קעפ און אויגן רייסן זיך צו אים
און טרייסט און שיינקייט טריפט פון זיינע פליגל.

מאַטיאַס (שטיל, ווי פאר זיך):

אָדלער... פליגל... שיינקייט...
אפשר... נאָר אַ קראַנקער אָדלער בין איך.
קראַנק פון רויש, פון ליאַרעם,
פון לויב,

וואָס פאַלט ווי שטויב
אויף דער נשמה
און פאַרשיט, פאַרשיט
דאָס אייגנסטע, וואָס דו האָסט אויפגעהיט
אין בלוט, אין נערוו,
פון פריסטן לעבנס־טאָג.

אדעלא (מיט פאַרוואונדערונג, טרעט צוריק):
עפּעס רעדסטו מאָדנע היינט.
כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט דיך אַזוי רעדן — — —
און גראָד אַצונד, אין פייערלעכסטער שעה
פון דיין דערהויבונג.

מאטיאס:
כ׳האָב אַלעמאָל גערעדט אַזוי,
נאָר קיינמאָל נישט מיין אייגן קול געהערט
און קיינער האָט עס נישט געהערט...
און מיט אַ קול אַ פרעמדס
האָב איך געשריגן צו המונים —
גערופן זיי צו קאַמף, צו קריג,
צו זיג!
און איך אַליין? — דער איך,
וואָס איז נישט פּנים בלויז,
נישט קול, נישט רייד
און אויך נישט קלייד,
נאָר אוניווערז

אין תפיסה פון געביין — —
איך אַליין
האָב זיך געלאָשן, אויסגעגאַנגען,
ווי אַ פלאַם אין באַרג פון פרעמדן אַש...

פון דרויסן הערן זיך קולות: „מאַטיאַס! מאַטיאַס!" אַדעלאַ לויפט צו צום פענסטער.

אַדעלאַ (גליקלעך):
ס'פאָלק איז דאָ!
הינטער דיינע פענסטער וואַרטן זיי
מיט בענטשנדיקע ליפּן,
און ווי טויזנט אויפגעקוואַלטע שטראָמען
קלינגט דיין נאָמען!
זאָל פירער זיך באַווייזן
פאַר געפירטע.

מאַטיאַס:
באַווייזן זיך... ניין... ניין...
מיין פּנים האָבן זיי גענוג געזען שוין
און מיין נשמה וועלן זיי נישט קיינמאָל זען.
און...
ווער פירט וועמען דען —
דער פירער דעם המון,
צי דער המון — דעם פירער?
איך האָב געמיינט: איך פיר...
צום סוף — געפירט געוואָרן...

געפירט — פון זיי (ווייזט צום פענסטער).
איין וואָרט אַנטקעגן זיי —
און כ׳וועל צוטראָטן
אונטער זייערע שווערע פיס...
איך פיר — ווי לאַנג איך לאָז זיך פירן,
ווי לאַנג איך לאָז די סטיכיע פריי,
ווי לאַוואַ, פליִיצן
און פארפליִיצן אַלץ מיט חיסט,
מיט טויט, מיט חורבן.
און שטעל איך זיך אין וועג דער סטיכיע
און וויל זי צאַמען —
פאַרפליִיצט די לאַוואַ
מיך, אָן מיטלייד.

אַדעלאַ:
דיך?

מאַטיאַס:
יאָ, מיך... מיך...
ווי מאַרקן.

אַדעלאַ:
מאַרקן? ער האָט דאָך פאַררעטן.

מאַטיאַס:
און מאָרגן וועל איך דער פאַררעטער זיי זיין.

מיט זיי — אין צעריסן.
נעכטן, זעענדיק די מאַסן
די צעררייצטע חיות,
פלינדערן און ברעכן,
טויטן אָן רחמנות —
און ווי זיי טרעטן מאַרקן
מיט די פיס אויף דר׳ערד —
מאַרקן, וואָס זיי האָבן
בלויז מיט איין טאָג פריער
ווי אַ גאָט פאַרהייליקט —
האָב איך אין די זיגער
דערזעען די חילות פון אַטילאַן —
און איך האָב דאַן געפרעגט זיך:
בין איך דאָס אַטילאַ?
בין איך טאמארלאן?

(פעסט)

גיי זאָג זיי:
איך קום נישט!

אַדעלאַ:

ניין, מאַטיאַס,
איך וועל זיי נישט זאָגן.
איך וויל דיין פאַלן נישט זען!
באַדענק זיך!

(לויפט ארויס פון צימער)

מאַטיאַס און אַלבערט

אַלבערט (איילט אריין):

איך גריס דיך, חבר מיינער!
איך קום צו דיר אין נאָמען פון דער יובלענדיקער מאַסע.
די מאַסע רופט דיך מיט בענטשנדיקע ליפּן.
קום!

מאַטיאַס:

גיי, זאָג זיי, אַז איך קום נישט.
איך בין נישטאָ!
איך בין דאָ — נאָר נישט דערזעלבער, וואָס ביז נעכטן.
אַן אַנדערער!

אַלבערט (פאַרוו[illegible]):

וואָס איז מיט דיר געשען?
ביסטו אפשר קראַנק?
עפּעס מאָדנע ווערטער רעדסטו!
די מאַסע מוז דיך האָבן.
דער שונא ,ויערט נאָך אין זיין באַהעלטעניש.

מאַטיאַס:

שונא? וועמעס שונא?
יעדן טאָג אַן אַנדער שונא.

מאָרגן וועט דאָס פאָלק מיך
אפשר שונא רופן...

אַלבערט:

דיך? פאַרוואָס?
סיידן זאָלסט צום שונא גיין...

מאַטיאַס:

נישט צום שונא...
נאָר... כ'זאָל גיין צו זיך אַליין.
צו זיך! פאַרשטייסט? — צו זיך!
אָפּזונדערן, פאַרשליסן זיך.
מוז פירער שטענדיק פירער זיין?
גענוג! איך וויל זיין פריי!

אַלבערט:

די מאַסע וועט דאָס נישט פאַרשטיין.
זי וועט פאַרשפּייען דיך מיט צאָרן —
האָסט אָפּגענאַרט!
און אפשר וועט זי אויך גערעכט זיין.

מאַטיאַס:

גלויב! איך קאָן נישט מער!
איך וויל נישט מער קיין בלוט.
עס וועט נישט אָפּוואַשן דאָס שלעכט
פון וועלט, פון מענטשהייט.

קאָן זיין אַ נייער, שיינער וואַלד
מיט אַלטע, דורכגעפוילטע בוימער?
ווי לאַנג עס לעבן נאָך אין מענטשן
חיהשע אינסטינקטן, ווילדע ליידנשאַפטן,
רויע סטיכיע —
איז יעדעס וואָרט פון נייער צייט,
פון נייער מענטשהייט —
ליגן, שקר!

לבערט:

און דעריבער טאַקע דאַרף נישט שרעקן חורבן.
אין מבול בלוטיקן וועט אפשר אויפגיין
יענער נייער מענטש,
וואָס מיר זוכן.
און סיי־ווי, אפילו אָן דעם ווייטן ציל,
ווי קענען מיר הנאה האָבן פון אונזער אמת,
פון דער שיינקייט אונזערער,
ווען אַרום איז שמוץ און ליגן!
מען מוז אַמאָל די וועלט קענען אָט אַזוי אַ נעם טון
ביי די יסודות אירע,
ווי שמשון דעם פלשתים־טעמפּל,
און זי אַ טרייסל געבן:
אַן אמתע, אַ שיינע וועלט,
אָדער גאָר קיין וועלט נישט!

מאַטיאַס:

אָבער... כ'קאָן מיט זיי שוין מער נישט גיין.
אַליין... אַליין... איך אַליין מוז קודם פריי זיין.

(די געשרייען פון גאַס: „מאַטיאַס! מאַטיאַס!" — ווערן שטאַרקער·

אַלבערט:

גייסט, אָדער נישט?...
...נו, גוט, איך וועל זיי זאָגן —
דו ביסט קראַנק.
ביסט דאָך — קראַנק!...

(שנעל אָפּ)

מאַטיאַס און גאַרשין

גאַרשין (לויפט אריין א פארפלאמטער. שטעלט זיך אנטקעגן מאַטיאַסן מיט
אן ארויסרופנדיקער פּאָזע):

איז דאָס אמת?
אַלבערט האָט מיר איצט געזאָגט —
טרעטסט צוריק פון קאַמף־פּלאַץ.

מאַטיאַס:

אמת.

גאַרשין:

מיט וועלכן רעכט,

מאַטיאַס:

מיט דעם רעכט פון זיך אַליין,
מיט דעם רעכט, וואָס איז אין מיר!

גאַרשין:

דאָס איז פאַרראַט!

מאַטיאַס:

פאַרראַט? אַנטקעגן וועמען?

גאַרשין:

קעגן פאָלק!
געהערסט נישט זיך,
נאָר דער מאַסע!

מאַטיאַס:

איך האָב דעם פאָלק גענוג געגעבן,
וואָס האָט דאָס פאָלק געגעבן מיר?
איך האָב געמיינט, אַז איך באַפריי
און פריי געוואָרן זענען בלויז
אינסטינקטן ווילדע...
און איך אַליין — אַ קנעכט געוואָרן צו המונים.
איצט וועל איך זיך אַליין באַפרייען.

גאַרשין:

דו רעדסט ווי אַ פאַריקטער,

אָדער... דעמאַגאָג!
וואָס איז דיין וואָרט צום פאָלק?

מ אַ ט י אַ ס:
זאָסזעלבע, וואָס איך האָב אַלבערטן געזאָגט.

ג אַ ר ש י ן:
איך וועל דעם אמת זאָגן:
ווילסט זיי מער נישט קענען!
פאַרראַט!

(לויפט צו צום פענסטער. שרייט ארויס):
מאַטיאַס האָט נישט מער צו טון מיט אייך!
מאַטיאַס האָט פאַרראַטן!

אַ ל ב ע ר ט (לויפט אריין, אָן אָטעם):
ראַטעווע זיך, חבר!
דער המון איז ווילד געוואָרן,
וועט באַלד זיין ביי דיר.
אַנטלויף!

מאַטיאַס מיט זיך אַליין

מ אַ ט י אַ ס (שפאנט נערוועז איבערן קליינעם פויערשן שטיבל, וואָס שטייט ביים זייט פון דאָרף. רעדט פאַרטראַכט):
עס דריקט די איינזאַמקייט,
די איינזאַמקייט איז שווער.

אַדעלאַ איז מיט זיי... מיט די,
אויף וועמעס קעפּ עס שיינט
דער אָרעאָל פון זיג און רום.
אָבער... אפשר שטילערהייט,
אין האַרצן, ציט זי זיך צו מיר?
ווען אויף מיר האָט ס'ליכט פון ריִם געשיינט —
דאַן האָט זי, ווי אַ שמעטערלינג,
אין ליכט געפלאַטערט...

ניין, זי וועט נישט קומען.
זי ווייס, די בוימער וועלן זיך
פאַר מיר נישט בויגן.
די פויגל וועלן נישט
קיין ליד מיר זינגען.
די גראָזן וועלן נישט
מיין גרויסקייט רימען.
און וואָס איז גרויסקייט
אָן די פלאַטערדיקע ליבע;
וועגן דעם צו רופן?
וואָס איז שיינקייט
אָן אַן אויג, וואָס טרינקט עס.

אָ, שווערע, שווערע איינזאַמקייט
אַ פלאַם אין מדבר צינדט זיך אָן
און לייכט נישט קיינעם
און גייט אויס —

אַזוי וועט אויך מיין אמת אויסגיין,
אַזוי וועט אויך מיין לעבן אויסגיין,
נישט געזען פון קיינעם,
נישט באַווײנט אפילו...
און איבער אַלע מיינע מעשים,
איבער מיינע אויסגעברענטע טעג
און נעכט,
אויף דעם אַש פון מיינע צווייפלען,
וועט ברענען העך פאַר דורות
דער פלאַם פון שאַנד:
„פאַררעטער!״

די בוימער וועלן ווידער בליען
אין דעם ליבן דאָרף.
די פייגל וועלן ווידער זינגען,
נאָר קיינער נישט פון זיי וועט שרייען:
„ליגנער!
מאַטיאַס איז נישט קיין פאַררעטער!
מאַטיאַס' האַרץ איז ריין געווען, ווי מיר״ — — — —
וואָס איז דער מענטש אין שווייגן?
וואָס איז דער מענטש — אָן מענטשן?
אַ דאָרן מיט אַ ברענענדיקער צונג,
וואָס גאַרט צו רעדן,
פרייד און צער, באַגער און שיינקייט
אומצעוואַנדלען אין אַ שטראָם פון ווערטער!

פֿאַרוואַרפֿסט אַ וואָרט — אַ פֿונק —
אין מענטשנס האַרץ —
דאַן גייט עס אויף ווען — מעג עס זיין
אין ווייטע דורות שפּעטער.
פֿאַרוואַרפֿסט אַ וואָרט אויף פֿעלד און סטעפּ —
און ס'גייט פֿאַרלוירן.
פֿאַרזייע קערנער אין דער ערד
און ווערטער אין די מענטשנס הערצער!
אָ, איינזאַמקייט פֿון פֿעלד,
אָ, רויש פֿון מענטשן —
אַ פֿרעמדער בין איך דאָ,
אַ פֿרעמדער בין איך דאָרט!

*